STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08600

UNDZER PYERO

N. B. Minkoff

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

אונדזער פּיערא

(פון דער עמאָציאָנעלער קאָמעדיע)

פאַרלאַג אידיש לעבן
ניו־יאָרק, 1927

Copyright 1927
by
N. B. MINKOFF
New York, N. Y.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

אינהאַלט

ערשטער טייל:

קיד קאַרטער

צווייטער טייל:

פאַרעטער

דריטער טייל:

פליאַסקעדריגע

ערשטער טייל

קיד קאַרטער

דזשאָן וויקפילדס קיניגרייך 11

מעגי בוירנעט 15

איך — קיד קאַרטער 17

דער געשטאָרבענער פאָטער וועקט קיד קאַרטערן 19

דער אויסלייזער 20

דער אָפּגעגנאַרטער 24

אַליין 25

אונדזער סודע 27

צווישן זאַטע ברידער אויף בראָדוויי 28

דער טעמפל 29

דעם סוינעס אויפקום 32

דער כאַלעם 33

דאָס לעצטע געהיימניש 35

דער רעטונגס־שניט 40

מעגי, קום, מען רופט אונדז 41

צווייטער טייל

פאַרעטער

דער וואָס קריגט פעטש 45
דער הויכשטאַפּלער 48
דער וואַיאַזשאָר 50
ביים טאָל 57
אונדזער טאַהאַרע שטיבל — דער דאָלער 59
געבעט 64
אין כוישעך 65
אַ טריוויאַלער טויטפאַל אין היסטאָרישן אָקטאָבער, 1917 66
דער לעצטער צוג 68
אויפן הימל 71
צום עמעס 75
אויף יענער זייט שוועל 77
טכיאַס האַמייסים 78
צוריק אין טאָל 80
די סימולירטע 82
די בראַווע אַריינברעכער 86
דער עשאַפאָט 87
דער אַנהייב 91

דריטער טייל

פליאַסקעדריגע

פון קלאָען צו טרוימען 95

נאָכן גרויזאַמען יאַריד 97

די זיגן אין איסראָעל 98

אַן אויסגעריסן זייטל פון פּינקעס 99

ביים נייעם טראָט 101

לעצטע געשעענישן 103

געטלאַכע מאַנאָטאָניע 105

טיראַן — ראַציאַנאַליסט 107

טיראַן — מיסטיקער 109

טיראַן — עסטעט 111

אימפּראָוויזאַציע וועגן ראַיען 113

שטורקאַץ 115

רעשטלאַך פון לעצטן ריקעד 117

פּיעראָס לעוואַיע צווישן פעלקער 119

אַפּאָלאָגיע פון לעצטן שאָטן 122

ערשטער טייל

קיד קאַרטער

GOLDEN AGE ASSOCIATION
5700 WESTBURY AVE.
MONTREAL, P.Q. H3W 3E8

קיד קאַרטער

8703

דזשאָן וויקפילדס קיניגרייך

איר זעט זיי עפּשער ניט,
די גרויסע קעפּ פון דער ניט זעבאַרער אימפּעריע,
זיי זיינען אַלע דאָ,
אַלע גייען זיי אין שווייגנדער פּראָצעסיע.
פריער — פּאָליציי, קלענערע, קליינע,
נאָך זיי פאַרשידענע פון די הויכע, גרעסערע ביז גאָר די
גרויסע, —
ברענענדיקע צלאָמים, ווייסע קיטלען, שטערן, זילבער, גאָלד, —
יעדער טראָט איז הויך און שטאָלץ,
יעדער טראָט איז אומפאַרשטענדלאַך,
יעדער טראָט — גנעדיקייט פאַר די דורשטנדיקע ברוקן, —
און הינטער זיי אַלעמען — ער אַליין,
זיין מאַיעסטעט דער האַר,

דער לעצטער, העכסטער, בלאַנקענדיקער טויט.
אַליין קאָן ער זיך ניט וויגן איבער זייערע קעפּ,
מוז ער ליגן אויף אַ טויטן וואָגן
אין אַ פּאָשעטן קאַסטן פון פּאָשעטן האָלץ
און צוזען ווי זיין זעל וואַקסט פון אים אַרויס
אין אַ וועלט פון איבערגעבראָכענע, רונדע, שטילע ליכטיקייטן.

מיט צוויי נעכט צוריק איז ער נאָך געשטאַנען אויף דער באַוערי
און האָט, ווי יעדן אָוונט, געזונגען וועגן גאָט און זינדיקע גערופן.

GOLDEN AGE
5700 WEST
MONTREAL, P.Q.

דער טייוול ווײַס פֿון וואַנעט האַלטן זיי אין קומען,
ווי ס׳וואָלטן נעפּלדיקע טירן צעעפֿנט זיך אין אַלע הינטערגעסלאַך
און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך אָט די אַלע וואַגאַבונדן, גענגסטערס
און גאַנאָווים.
ער זעט זיי אַלעמאָל ווי דורך אַ קלאָרער פֿלאַמען־וואַנט —
ניט געוואַשענע הערצער האָבן זיי
אויפֿגערעגטע פֿון פּאַכעד,
הינטער־שטעגן — פֿול מיט שוואַרצע בליציקע ניסים,
און זײַנע ווערטער האָבן לײַכטנדיקע ברעגן
און זײַן האַרץ איז הייס און באַגינען גייט עס אויף אַנשטאָט
דער זון.

„דער מאָרגן־שטערן איז ניט ווײַט,
דער מאָרגן־שטערן וואַרט אויף אונדז
און די וואָס גלויבן וועלן זען די גלאָריע פֿון דעם נײַעם טאָג.
ווער קאָן רייניקן דאָס האַרץ פֿון גוף,
ווער קאָן רייניקן דאָס האַרץ פֿון זעל.
דער וועט בײַקומען דעם טויט.
יעדער פֿלעק און שטויב איז אַ פֿאַרדאַמטע שטערונג,
זיי זײַנען דאָס די פּאָליציי, וואָס דינט געטרײַ דעם אונטערגאַנג.
אַלץ וואָס איז אומריין, פֿאַרפֿוילט און צעקאַליעטשעט
איז שוין ביים לעצטן צאָם,
ביים העכסטן בלאַנקענדיקן האַר“.

און דזשאַן וויקפֿילד לײַכט פֿאַר פֿרייד:

„לאָמיר פריער בייקומען און אויסלייגן די פּאָליציי, די לומפּיקע,
וואָס היט די טויערן פון זיין מאַיעסטעט,
דעם האַר איבער די קליינע, קלענערע און קלייניקע,
דעם לעצטן, העכסטן, בלאַנקענדיקן טויט".

קיד קאַרטער, דער אייזערנער, דער סאַמע פירער פון די
גענגסטער
איז געווען שיקער,
קוים געשטאַנען, קוים געהערט און ניט געקאָנט פאַרשטיין,
אַז ס'איז אַ פּאָליציי אַזאַ פאַראַן פון וועלכער ער האָט ניט
געוואוסט,
און מוירע האָט אים אָנגעהויבן ציען,
אַז דער יאָלד פון אָט די גוטע קריסטן איז גאָרניט קיין יאָלד,
נאָר דער גרעסטער גענגסטער
און די באַוערי קאָן אריינפאַלן אין זיינע הענט.

קיד קאַרטער איז אין אַלץ געווען שולדיק.
האָבן אין דעם כוישעך פייערלאַך מיט רויך געפּלאַצט
און דאָ און דאָרט האָט בלאַסער שטאָל געבלאַנקט,
און איצט גייט די פּראָצעסיע,
די גרויסע פּראָצעסיע פון דער ניט זעבאַרער, שוואַרצער
אימפּעריע.
איר זעט זיי עפּשער ניט,
זיי זיינען אַלע דאָ,
און מעש, זילבער, צלאָמים, ליכטיקע מעכאַשפים

און הינטער זיי — דער האָר,
זיין מאָיעסטעט, דער לעצטער, העכסטער, בלאַנקענדיקער טויט.

מעגי בוירנעט

די ליכטיקע פּים זיינען מעגי בוירנעטס,
דעם בלענדיקן שטערנס פון פּאַנטשאָס בורלעסק.
דער ווינט רייסט אויף רעגן, נעפּל און ווייזט דיר דעם אומגליק
פון איינזאַמע אידעלע פּים,
פון הערבסט־שוואַרצע, זיידענע פּים.

אומענדלאַכע פּוסטקייט, הילפלאָז האָפן און גיין,
פאַרוואָס שניידט ראַכמאָנעס מיר דורך מיינע ביינער
ווען ס'דעקט אויף דער ווינט ווייסע נאַקעטע קני
פון אַ מענטשן וואָס וויינט ?
וואָס בענקען די מאַרמאָרנע וואָרצלען אַרויף צו דעם אייגענעם
האַריץ,
וואָס דאַרף דען דער וויסטער געוויטער דער נאַקעטקייטס ליכט ?
געוועזן איז זי נעכטן נאָך שטאָלץ, יונג־ברוסטיק און ווערביק
און איצט איז זי מאָגערער פלאַניץ
געטראָגן אין וויכער פון שטאָט.

דו צעפלאַסטערטער גרויזאמער גאַנג פון מיליאָנען לעוואָנעס,
צו וואָס איז געוועזן דיין אויפרייסן ס'לאַנד פון מאַגדאַלע
און ברענגען צוריק די פאַרגייענדע זעל קיין ניו יאָרק
און רופן עס מעגי בוירנעט,
דער בלענדיקער שטערן פון פּאַנטשאָס בורלעסק ?

ווער צאַנקט עס אין פינצטערן פליסטער ביים זוים פון קיד
קאַרטער,
ווער כאָלעמט די סרייפעס וואָס טראָגן פאַנאַנדער די שטאָט?

ביינאַכט איז ניו יאָרק אַ פעך־שוואַרצער רויכיקער יאַם
און ווייס זיינע גרויזאַמע רייטער,
וואָס טראָגן אַוועק אויף צוריק יעדן טראָט פון די ליכטיקע פּיס.

מעכטיקע ווענט,
טהאָמען מיט ווייסן צעהאַקטן קרישטאָל,
אייזן, ציגל, האָלץ און פון אָפּפאַל די שמוץ
ברענען אין הייסן געבעט
און אָט ווערט איר האַרץ גאַר אַ זינקענדער טאָל
פון רויטע טייכן פאַרפּלייצט.

און קיד קאַרטער זינקט אַליין און ברענט,
ער וויגט זיך אין פלאַמען צווישן די גרויזאַמע פינגער
פון הויכע אַלמעכטיקע פּיס,
עס דאַכט אים דאָס זיינען גאָטס פּיס
און ער — אַ ברענענדיק רעשטל פון אונטערגעגאַנגענער שיף.

פאַרוואָס אַזוי שטיל?
וואָס צאַנקען די ווענט און דער גאַז
און דער ליכטיקער שטערן פון פאַנטשאָס בורלעסק?

איך — קיד קאַרטער

ווייפל פרייד און זון און בלענדנדיקע יאָמען ווייסער לאַק
און דו אינמיטן שטאָלסט, מיין שוואַרצער איינזאַמער מיראַזש
ניו יאָרק.
איך בין איצט גרינג, לער, דורכזיכטיק,
און בענטש דיין זעל דיין פינצטערע וואָס דו ביסט שטום און
גוט צו מיר.
פריידיקט זיך אין מיר אַ שאַרפע היץ
ווען דו טרעטסט אין דושנע נעכט אויף מיר,
פון אונטער דיינע טריט וואַקס איך אַרויס,
וויקל זיך פאַר דיר פאַנאַנדער
גרויס און מעכטיק,
ברייט צעעפענען זיך מיינע ביינער,
עס פילט מיין זאַפט דיין בריענדיק ליכט
ווי זעליקייט פון ערשטע זיסע טעג פון טויט.
פייכטע אייזן־ערד איז אונטער דיר,
אין אירע טהאָמען כאָלעם איך אַן אָנגעלאָדענער מיט דיינע
שליכעס.
דער מאָרגן־שטערן קומט שוין אָן, נענט זיך, גרעסערט זיך און
בלענדט,
ניין, ניט קיין מאָרגן־שטערן,
אַן אָפּגעטנאַרטער מענטש ליגט פאַרכאַלעשט לעבן מיר.
דו, וואָס געוועלטיקסט איבער אונדז

דערהויב און שטאַרק מיין האַרץ
כ׳זאָל טרייסטן, אויפריכטן יעטוועדערן וואָס קומט נאָר צו
מיין ברעג.
איך הייב זיך אויף צו אים
שלינגט אַ פינצטערניש מיך איין,
ליג איך ווידער אויף מיין אָרט
און ס׳לויכט קיד קאַרטער טיף אין מיר.

דער געשטאָרבענער פּאָטער וועקט קיד קאַרטערן

שטיקער זון אונטער דער בריק אויף טשערי סטריט,
שטיקער פינצטערע כאַלוימעס אין דעם אָפּגעשוואַכטן גוף.
הייסע פלינקע יאָרן דורשטן ערגעץ הינטער וועלדער, שטעט
און טייכן
און ער איז קראַנק און טרויעריק פון שוואַרצער דורכגעברענטער
גלות.
דורך אַלע גאַסן פון איסט-סייד
בראָדיעט אום די אַלטקייט פון זיין בלוט,
שאַרפט איר זויערקייט אָן שאַפּלדיקע אויסגעטרוימטע קיניגרייכן
און לייכט אויף ווילד ביי טהאָמען אונטערגאַנג.
דער טאָג איז בלאַסלאַך-געל און שלעפערט זיינע אויגן איין,
עס וואָרצלען זיך פאַנאַנדער אַלטע טעג און מאַיסים אומפּאַר-
שטענדלאַכע.
לאַנגזאַם זוניקט צווישן זיי אַדורך דער גאָלדנדיקער קאָפּ פון
מעגי.
הינטער איר אין נעפּלדיקע שטילקייטן אַ שאָטנדיק געשטאַלט
פון ווייטע אומבאַקאַנטע וועגן.

קיד קאַרטערס אויגן ברענען אויף מיט פייכט פייער,
שטיל און ברעגלאָז ווייגט האַכנאָע פון די אויסגעצערטע ביינער,
פּלוצים — אַ הייסע כוואַליע שניידט דורך אַלע גלידער
און לעשט זיך אוים מיט שוים ביים לעצטן שוועל פון מויל.

דער אויסלייזער

פאַר מיילן ווייט איז שטיל און שוואַרץ די וויסטע שטאָט.
מיט שטומע האַלדז־צעשפּרייטע שרעקן
טרינקען זיך מיריאַדן טריט פון לאַנג־פאַרשוואונדענע געמעלן
און איך צאַנק דורך טויטן צווישן ווענט.
ווי נאָר די שטילקייט האָט די ראַנדן פון מיין גוף צעצויגן
ביזן שאַרף פון אויפריים,
האָט הייסער שמייכל צעקרימט מיין בלוי צעשוואָלן מויל
און די ביטערע אויגן האָבן געטעמפּט אויף העלדזער, הענט
און פּים.

לאַנגזאַם עפנט זיך מיין הויט מיט פונקן פרייד,
מיינע ביינער שלאָגן פון זיך זיילן ליכט,
שפּרייטן, גיסן זיך מיט זון צוזאַמען —
און אויף דעם מיין ליכט איז דער אויסלייזער געקומען.
דאָס פּאָנים ערנסט, געטלאַך־ערנסט,
די בלאָנדע לאַנגע האָר פאַרקאַמט,
ס׳אַרא ווייך געמיט
און ווי אַ קיניג איז ער אויף דער ערד אַראָפּ
באַגאָסן מיט מיין ליכט.

איך בין פריי פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט,
האָבן קאַסעס, טעאַטערן, בעלער

זיך אַ לאָז געטאָן צו אים
און בעטן, צוגעדעקטע בעטן, פאַרהילטע, פאַרבאַהאַלטענע
און זיינע פלינקע אויגן זיינען פאַרזיכטיק מיט טרויערשאַפט
און לינדע שליכעס.

ווידער נאַכט.
אייביקייטן ווי דער מאַיריוו שלאָפט;
עס האָט דאָס פינצטערניש ניט אויפגעוועקט די סרייפעס פון
דער צייט.
מען האָט געמיינט, ער איז אויפגעשטאַנען
און ברענגט צעשמעלצונגען פון הארץ און זעל און גאָט און
זיך אליין.
ניט קיין פלאַמען לויפנדיקע, יאַם-כאַזיירים זיינען דאָס געווען,
באַלויכטענע גרויסע יאַם-כאַזיירים
מיט צעהאַקטע גראָבע מאָרדעס
האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אָנזאָגן זיינע בסורעס
מיט הייזעריקע טראָמפּייטן און גאַזאָלין-געשטאַנק.
אַזוי שווימען זיי מיט וואַנזיניקן ראַש
איבער אַלע פרישע וועגן פון דער נייער וועלט.
און ער עסט זיך ווענעטאַרישע מייכאָלים, „האָל-וויט“ ברויט
און זוכט זיך זיינע „פיקטשעס“ אין יעדן זונטיקדיקן „טיימז“.

אויף אַש און שטויב איז מיין לעבן און מיין טרוים צעשאָטן,
עס לאַכט זיין בלאָנדער זיפּץ אין מיר.

ווי שיין ער זיפצט, ווי הערלאַך הייבן זיך די אויגן צו דער זון
און נאָכדעם קומט דאָס האַרץ,
זיין ליידנד האַרץ פון אויסלייזער
און מעגי איז אַוועק מיט אים.
מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן מיך,
פאַרוואָס האָסטו פאַרשלונגען אַלע ברעגן פון מיין סאָף?
נעם אויך דאָס ביסל גוף, וואָס כ'האָב אָראָפּגעשניטן פון מיין זעל.

* * *

דו מיין באַפלעקטע גענגסטער־האַנט,
זאָלסט זיין געבענטשט פאַר שפּאַלטן ליגנס
און רייניקן דעם מאַרק פון שטשורעס און פון מייז,
ווי שנעל עס זיינען זיך די בלויע מייז צעלאָפן פון די וועגן,
עס האָט אַ פרייד צעגאָסן זיך אין מיינע נעגל.
וואָס שרייט מיין שטומקייט, מיין צעהיצטער ריגל?
עס פלייצן מיינע ווענט,
אויף מיין גוף פאַלן דורשטנדיקע ציגל.

ניט מיט פייער, מיט לידער שפּייט דאָס מויל פון זיינע ליגנס,
פלייצט געשטאַנק צו מיינע שוואַרצע שנייען,
וואָס הערט ניט אויף דער אויסלייזער אַ פאַרכטיקער זיך דרייען
אַרום מיין מעגיס פענצטער און די שטיגן?
ווי אַ קעצל האָט ער אָפּגעגעבן אַלץ
וואָס ס'האָט די וועלט דעם אויסלייזער געגעבן

און מעגי איז נאָך אַלץ ניטאָ,
דער לעצטער טאָלער וואָס דער היילקער האָט צוגעגרייט
באַצאָלן מעגין
איז שוין אויך ניטאָ.
פון די יאַם-כאַזיירים איז קיין זייכער ניט געבליבן.
עס וואַרטן אַלץ נאָך די מיליאַסן טריט פון לאַנג פאַרשוואונדענע
געמעלן
און רייסן אויף די שטילקייט פון מיין אונטערגאַנג.

דער אָפּגעגאַרטער

איך וועל זיך שמאַדן מיט דעם אַש פון מיין באַשאַפן
וואָס איז כּאָרעוו אונטער דיינע פּיס צעפּלאַמטע,
מיט רויטע כוואַליעס אָקסענע צעקאַמטע
וועל איך אין דיין האַנט אַוועק ווי אַלע דיינע שקלאַפן.
פון וועלכע ווייטן פּאָרט דער ווייסער אייזל אויף זיין רייטער
און וואָס איז אָנזאָג יאָמערדיקער דורך מיין שאַרבן?
איך וועל צעגויפקלייבן די קומענדיקע גאַרבן פייערדיקן שוואונג,
מיט מיין האַרץ וועל איך צעפּעדעמען דעם זיסן שיינעם צונג,
ברענגען וועל איך אַלץ צוריק צו דיינע שוועלן
און וועל צעגויפגיסן אין זיך די בריאיקע געמעלן
וואָס זוכן אייז און דעק פון דיינע טריט.

אַליין

איך יאָג, איך קום, איך בין אַ פּייער-פּאַנים,
איך רייס דעם טויט פון אונטער זיך,
מיין האַרץ גייט אויס נאָך מײַנע סאַנים,
דאָס נייע בלוט בין איך.

די זאַטקייט פוילט אין רייכע הייזער,
פון אָפּפאַל קומט צו מיר מיין טרייסט,
כ׳וועל אַלעמאַל צעשטויבן גליענדיקע ווייזער
פון אונטערגאַנג, וואָס דו, כווישעך, זייסט.

און זיין פאַר זיך אַ ליכטיקייט,
פאַר זיך און פאַר ווער נאָר עס וויל,
און קומען צו זיך מיט דער ציכטיקייט
פון זעל וואָס וויקלט סכאַרן אין דער שטיל.

ווער האָט פאַרלענגערט מיינע וועגן?
עס ציטערן די שטעט אַרום,
מיט גרויסער פרייד, מיט זונען-רעגן
קום איך, דער אָפּפאַל, שטום.

GOLDEN ... SOCIATION

איך זע שוין ניט מיין שטויב צומאָל,
ס׳פאַרגייט מיין בלוט אין שאַרפער פרייד
פון הערן זיך, מיין שטומען קאָל
וואָס שמעלצט מיט צאַרטקייט יעדע קייט.

אונדזער סודע

אונדזער הייליקער פּאַריינזאַמטער לעוויאָסן
ליגט אין שטריק געפאַנגען ביי דעם ברעג,
די מאַנשאַפט מיט דער נאַכט צענויפגעגאָסן
כאַלעמט וועגן צוגעזאָגטע גאָלדנדיקע טעג.

די נאַכט פאַרקישעפט און צעטראָגט פון זיך די נעפּל-ברעגן,
די שוואַרצקייט שווענקט די וואַסערן פון שטילקייט און פון רו,
דאָס האַרץ נאָר האַלט זיך לאַנגזאַם אין באַוועגן
מיט טיפע אָפּגרונטן, וואָס ברייטן זיך צום כווישעך צו.

אין רויטן שיין פון זיך אַנטפּלעקנדער געהיימניש
וואַרטן אַלע אויפגערעגט און שטום
און לאַנגזאַם נענט זיך צו די צוגעשמידטע פּים
אַ זיסע שרעק, וואָס שטייגט און נעמט דעם האַלדז אַרום.

עס זיינען גאָר קיין ברעגן ניט פאַראַן,
ס׳פאַרגייט צום הימל פון דעם וייטן סומנעם פּיש
דער שוואַרצער רוף פון אונזער שטאַרבנדיקן קלאַן
און ס׳פאַלט פון זיך פאַנאַנדער אונדזער אָפּגענאַרטער
סודע-טיש.

צווישן זאַטע ברידער אויף בראָדוויי

דער הייסער טאָג שלאָפט אויף די ראַשע ברוקן, טראָטואַרן
און זויגט דאָס דורכגעברענטע גליק פון שטאָט,
ביי קרישטאָלענע געשעפטן שמייכלען פעטע האַרן,
האַרן פון דעם טרויעריקן קאַלטן זילבער־גאָט.

ניט וועק מיט דיינע רעטזלהאַפטע טריט דעם זאַטן גוף,
עס וועט דיך איינשלינגען אַ ווייט און שטום־גרוי הויז,
קיין הערץ איז פלאַמענדיק צוריק פון דאָרטן ניט אַרויס,
בלויז שטאַרקע טיר וועט איינזאַפּן דיין בלוטנדיקן רוף.

עס קילן זיך מיט הייסער אונטערטעניקייט אומזיסטע טרערן,
אין ווייטע נעפלען רייט נאָך אַלץ פאַרכאַלעשט דער שטאַפּעט,
עס האָט נאָך דאָ ניט אויפגעשיינט קיין צוגעזאָגטער שטערן.
עס אַשט דאָס גלויבן אין די רויכערדיקע שטעט.

דער רייטער וועט און דאַרף ניט צו אונדז קומען,
איך אַליין בין ער און שמייכל אויף דעם זין,
וויינט אַ פּייער־פאַדים אין מיר דין
און ס׳פלאַצן כוואַליעס דולדיקייטן פון מיין שטומען.

דער טעמפּל

כוואַליעס צערטלען זיך אַרום די שטאָלענע ניו יאָרקער טורעמס,
ס׳גייט אוים מיין זאַטקייט נאָך צעשמעטערונג,
צומאָל צעברענט זיך בלויז די פּעטע הויט
מיט צונטער־וואונדנדיקע ציין,
לעשט זיך שטיל דער רויטער שוים ביי דיינע שוועלן
גייט אויף אין מיר אַ זיסע גרויזאַמקייט
און זוכט צו שטילן דורשט דורך גלעזערנע פאַרויכטע זעלן.

דיין טיר איז אָפן,
ווייסע שליסלען דרעמלען אויף דיין נאַסער וואַנט,
בלאַנדזשעט פינצטערניש מיט מיר אַרום,
טרינקט זיך וואַנזיניק אין מיין יעדן שטילן שטויב.
שוואַרץ און שוואַרץ און שוואַרץ און זעל־פאַרגאַנג,
בלויז מיינע הענט
געבענטשטע בלוט־באַפלעקטע הענט
לויכטן ווען ניט ווען דאָ אויף
און אונדזער אַלטער זכיעדיקער שטאָלץ
באַמיסטיקט פרעמד פעלד און פרוכפערט ווערים און דעם
ווינטן ווינט.
אונדזער פינצטערניש האָט שוידער און געשטאַנק,
אַ ליגן גאָר די מאַיסע מיט דער זון
און דער ליכט־גייסט איז דאָך אויך אַן אָנשטעל בלויז.

הינטער מיין פאַרהאַנג, דעם באַשפּיגענעם, צעריסענעם
רוט מיין עמעס ווי דורך נעפּל שטראַלנדיק,
רוויכערט זיך אין מיר דאָס הינטישע בלוט,
וויקלען זיך פון מיר אַלע וועלט-מעכיצעס פאַלנדיק.
דו צעקראַכן ווייבערש האַרץ מיינס,
צו וואָס דער אָנשטעל, הייליקייטן און מאַרטירער־רוף,
לאָז מיך מיינע ביינער איצט באַפרייען
און אויסציען דורך כוישעך מיין גויסעסדיקן גוף.
קוואַל פון ראַכמים, העלף —
איך מיין עס ניט,
איך ווייס עס איז ניטאָ גאָר אַזאַ קוואַל.
צו וואָס איז דען דאָס פייער פון מיין מויל
ווען מען מיינט אַז מיינע הענט זיינען טאַליען־הענט ?
אויגן וואָס אָפן
זעען גאַרניט דורך זיי
אַלץ איז מיט מיין בלוט פאַרלאָפן
מיינע אויגן ווערן זעענדיקער אונטער שניי.
איך וואָלט אַראָפּגעריסן מיין באַשפּיגענעם הייליקן פאַרהאַנג
ווען דאָס וואָלט קיין קינדער־שפּיל ניט זיין
און זיך נאָכאַמאָל מיט געוואַלד געבוירן
אָן געבאָט
אָן געמעל
אָן קראַנקע ברעגן אומגליקלאַכן מאַזל,
פאַרשאָלטן זיי, דו דאַמף פון מיין אָפּגעבריטער זעל

פאַרשאָלטן זיי —
ניין, ניט דאָס,
איך האָב שוין לאַנג צונישט געמאַכט
געקאָמע, עמעס און דאָס ווערן,
איך לייז זיך אויף פון כאָכמע־זעטיקייט
פאַר טויטע מילכיקייטן פון מיריאַדן שטערן.

דעם סוינעס אויפקום

צו דיר, דו אויפקום פון מיין סוינעס גייסט
וואָס שטראַלט מיט בלינדער גלייזנדער דערהויבונג,
צו דיר מיין לויב, מיין אונטערגאַנג, וואָס רייסט
פאַנאַנדער דיינע ליגנס אין מיין צונג.

מיין שטים איז זשאַווער מיט דיין פעטס פאַרגאָסן,
מיין זעל — צעוואונדיקט אָן דיין צאַרטן ברעג,
איך צאָם מיין סינע, אָט — מיינע ליכטיקע פאַרדראָסן
און כ׳פריי זיך אַ צעשמעלצטער אויף דיין וועג.

מיין גוף צעשפּאַרט פון זאַטער פוילער זאַפט,
ער וויים ניט וואָס און וואו עס ברענט מיין גויסעסדיק געמיט
און בלינד — צו דיין אומענדלאַך־שטייגענדיקער קראַפט,
וואָס בלענדט מיט מיינע גליקן אין דער שאָ פון שניט.

צו וואָס דיין הימל־רייך און ניט באַפלעקטע שוועלן
אַז ס׳צאַנקען טויטן און געבורטן אויף דער ערד?
ווערסט ווי איך פאַרגיין, ווערסט מיט סינע קוועלן,
דיין אונטערגאַנג וועט צערטלען יענעם נייעם שווערד.

דער כאָלעם

דאָס פינצטערניש האָט אַלץ פאַרבאָרגן אין דער וועלט,
וואַכט אַ הויכער שלאָף מיט איר.
די פינגער — בלוטלאָז־דין, פאַלן מידע טיף אַראָפּ,
די אויגן אַלץ ניט אויפגעריסן נאָך,
פייער־שוואַרץ צעשטראָמט זיך אונטער בלאַסער הויט.
בליט די בלינדקייט מיט צעשפּרייטונג,
מיט ביטערקייט פון פרייד.
יעדער ברעג פאַרלירט זיך לאַנגזאַם אין אַ קאַלטער וואונד.
וויקלען זיך אַראָפּ אָן אויפהער הויטן פון מיין צעבראָכן געמעל,
צומאָל בליצט אויף דער ביין,
פלוצים ברענט פון אינגעווייד די שטים,
גיסן זיך אין פינצטערניש אַריין דער אַש, רויטע וואַסערן און רו,
פליסט אין שוואַרצקייטן פון זיי דער זילבער־וועג
און ס'ווײַנט געקילטע מעשוגאַס וואָס דאָס איז דער געגאַרטער
וועג,
גייען מיינע דורכזיכטיקע פיס,
שניידן זיך די הענט אָן ראַנדן פון דעם ליכט.
ניטאָ קיין שראַצים, ניטאָ קיין אונטערוועגן,
ס'איז דאָ בלויז ליכט און בלוט און גרינגער וועג אַרויף.
ברייט און ווייט צעעפנט זיך דאָס זילבער־ליכט.
שווימט אַרויף דער יאַם.
וואַרטן אַלע שיפן בלויז אויף איינעם נאָך.

טירן עפענען זיך הינטער זיילן שטויב,
שפּיגלען זיך אין יאַם צעקרימטע צורעס, איינגעהויקערטע
און טויטע
און איבער זיי,
מיין צעבראָכן געמעל
און אַלע טויטע שיפן וואַרטן, זיי צו פירן.

דאָס לעצטע געהיימניש

װען דאָס שטראַלן האָט דעם כאַלעם אויפגעריסן
האָט דער יאַם זיין ברוסט צעעפנט
און אַלע שיפן איינגעשלונגען.
די װעלט פון אונטערגאַנג — אומענדלאַך־גרױס און שטיל און
לער,
װען ניט װען בליצן רעגנבױגנס אויף,
גיסן זיך די װילדע קאַרשן־װאַסערן פון זײ אַרױס
און פאַרפלײצן שטיל די גאַנצע װעלט.
קומט אויף אַ גרױסער גענעצדיקער פיש,
ציט זיך אויס,
באַטראַכט דאָס רויט
און זאָגט:
— „איך בין ביז איצט געשלאָפן אונטער טריט,
ביי אונדז אין טיפענישן פיל איך אַלע פּיס פאַרבאַרגענע
און גאַרניט ליכטיק זיינען איצט די טריט
און קיין איין װעג איז ניט פריש און גלייך.
האָט מיר מיין האַר געזאָגט —
רייב אויס די שיינע אויגן דיינע,
דו צאַרטער סאַמעט־שװאַרץ,
גיי, לייטער זיך, גרייט זיך צו דיין שליכעס,
פרייד און שכיטע,
אַלץ איז אומגעקומען אויף דער ערד

נאָר ס׳איז מיין ליכט געבליבן אין געמיינסטן הארץ,
דאָרטן וועל איך קומען רוען מיט מיין אייביקער מעלוכע״ —
האָט אַ פּאַטש געטאָן דער לעוויאָסן מיט זיין עק
און איז אַוועק אין כּאָרעוו־ווערנדיק געהיימניש,
צום אונטן זיינען פייער־רויט געוועזן די וואַסערן
און דער פיש ליגט ווי געפאַנגען
ביי דעם וויסטן אייזן־ברעג.
ווידער האָט ער אָנגעהויבן ווי דורך אַש פון געוויין:
— ווי פינצטער און ווי היים,
זיין געשעפט איז קומען,
אָנזאָגן,
אָנשטאָט דעם זיצט ער צווישן שרייבער אין קאָפּע.
נאָר מיט זיך איז פול זיין הארץ און טראַכט גאָרניט פון אונדז.
דאַרף ער אונדז — איז ער שוין דאָ
און ס׳אָרא ליגנערישע קראַפט עס האָבן זיינע רייד
און ס׳אָרא קישעף אויספירן פאַר זיך דעם זינדיקסטן באַגער —

וואָס וואַרטסטו אויף די מויער־ראַנדן פון דער טויטער שטאָט
דו שיינער אָפּפאַל, בלוט באַפלעקטע וואונדער־כּאַיע?
וואָס לאָזטו אַלעמען דיין הארץ פאַרפלייצן
מיט לאַסטן ספּייקעס, זיסע זינד
ווען ס׳שרייט פון דיינע מעסערם דאָס ברענענדיקע ליכט.

פינצטערניש און גרויסע אויגן האָבן לאַנג באַטראַכט דעם פיש,

האָבן מיינע קרומע ביינער אָפּגעזיפּצט,
אויסגעצויגן האָבן זיך די הענט,
אין ווייטסטער טיפעניש זיך אויסגעשפּרייט,
פון קלעמעניש אַ הייב געטאָן די ערד
און פלוצים — העלע גאָלדן־בויגנס האָבן אַלע ווייטקייטן צעריסן,
האָט פון פרייד אַ פלייץ געטאָן דער גוף
מיט הייסע שטערן־טייכן פול מיט גרינעם ביינער־שוים.

דו שווערער גאַנג, דו גאַנג דורך שוואַרצער טויטער וועלט,
דו ווייטער ברייטנדיקער ראַנד פון פייערלאַך ליכט,
מיינע טריט הער איך אין אָרימקייט פון גאָלד
און מיין זעל אין שמוץ און שוויים פון הערלאַכן ניו יאָרק.
עס איז אַ גרויס געהיימניש וואָס מען זעט מיך ניט פאַרביי,
ווי ביי הינטלאַך סאָפּעט יוגנט־טייווע ביי די טויערן ביינאַכט.
ניט מעכאַשפים האָבן שליטע איבער מיר,
דאָ זיצן מיינע פרעמדע ברידער
אין דעם גרינעם שיין פון ליכט און פאַפּיראָסן־רויך
און שפּילן פּאָוקער באַגלייט מיט הוסט און אָפּגעהאַקטע רייד.
וואָס נעענטער באַווייזן זיך שוין קינד און קייט,
רייסט זיך הויך דאָס שרייען פון דעם בלוט,
מיט היץ פון איילעניש און בליציקייט פון האָב־און־גוטס.
גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס קומט מיר צו זען דיין גרויסגנאָד
און אויפגיין אין דעם ליכט וואָס שטראָמט צו דיר אַרויף?
מיין האַרץ, האַלט איין אין שטאָל די ראַמען,

גלי ניט אוים דעם לעצטן קויל געדולד,
איך קום מיט אַלע סרייפעס און מיט שאַלנדיקן גליק,
אַט זיינען מיינע בלוטן פאַר מיין יעדער שולד.

דער אָטעם האָט מיך ווייט ביז אויפרייסן צעצויגן,
באַריר איך שוין די ווייטע שטראַליקייט פון גרויסן סאָד?
פלוצים האָט אַ כווישעך זיך אין כאַלעם דורכגעקרייצט
און אַלץ צעקרימט:
דאָס שכינע-ליכט איז גאַר פון פלאַטערדיקע נאַפט-לאַמפּן
וואָס מאַניען קוינים צו די טונקלדיקע פּושקאַרטס
און דאָס רופן אומפאַרשטענדלאַך-ווייטע
איז דאָס ווילדגעשריי פון הייזעריקע פּעדלערס.

איך בין שנעל צו זיך געקומען,
דאָס רעדל האָט זיך אָנגעהויבן שוין פאַנאַנדערגיין,
ווייך האָב איך געווישט דעם שוים אַרום מיין מויל.
לעבן מיינע פים פליסט מאָדנע מיד אַ רינשטאָק,
אַרום מיר דרעמלט שמוץ ראַכמאָנעסדיק,
וואָס נידעריקער זינקט מיין קאָפּ
אַלץ ווייכער טראָגט זיך זיסקייט פון אַ ווייטער ווילדעריי
און ווען אין מיינע אויערן אַריינגעריסן האָט זיך
דעם לעוויאַסנס הילף-געשריי
האָב איך אין טויזנטער געפּלאַצט
מיט פייערן רעציכע ביז די שפּיץ פון ציין,

פון עק ביז עק, פון ווייטסטע וועגן ביזן האַרץ.
רויט שטייגן, ווי זעליק היים דיין יעדער טראָט
און רויב איז זים און זיסער נאָך דאָס בלוט
וואָס שטראָמט צווישן כורוועס וואָס פאַלן שטיל ווי שראָט.

דער רעטונגס-שניט

אויב אונטערגאַנג — וויל איך אַליין די זיסקייט פון יערידע,
דורך מיינע שטראָמען זאָל יובלען פייערדיק דער טויט,
טראָגן זאָל איך אַלע מיינע קוואָרים פון דער לעצטער נויט
און ברענגען זיי פאַר דיר אויף מיינע הענט די מידע.

שוין יאָרן ווי איך גאַר אַליין די שכיטע,
אויף מיינע הענט דערפילן קוואַליקייט פון בלוט,
קילן זיך מיין האַרץ מיט לעצטן הייסן ציטער
און הערן דאָס געוויין פון אויסגייענדער וואוט.

צעשאַרף די פרייד פון ווירבלענדיקער רויטער הויט,
וועלטן בילן פול מיט וואַנזין גליק,
עם בלויט מיט ווייזהייט אונדזער וואונדער-שיינער טויט
און ~~סיפילט~~ ספּליט מיט אייביקייט דער לעצטער רעטונגס-שניט.

מעגי, קום, מען רופט אונדז

אָוונט־דעמער שפּרייט זיך קעגן מיר,
דיינע ווייטע בלויע פּיס באַטרעטן דעכער פון דער שטאָט,
אין ווייטע קלויסטערס האָפט מען און מען וואַרט אויף דיר
און מיר איז ליב און שרעקיק הערן הינטער זיך דיין טראָט.

דיך אויך האָט אָפּגענאַרט דער אויסלייזער פון אונדזער גאָט.
ביסט טונקל, שמייכלסט און ביסט בלינד,
איך שמייכל אויך פון אונדזער גנאָד,
דו לענסט אָן מיר דיין אָטעם וואַנזיניק און לינד.

פון גרויס ראַכמאָנעס וואָלט איך אָפּגעווישט מיין דאָר
און גלייכגילט אויפגעשניטן מיטן סאָם פון האָס,
נישט ריר וואָס שטאַרבט אַליין אין טייכן ווייטער וואָר,
לאָז אָטעמען מיין בלוט ביים רינשטאָק פון דער גאָס.

מיר זיינע נייע קינדער פון דער אַלטער ליגנערישער וועלט,
פון אונדז קומט הימל צו דער רויטער ערד,
עס פאָלן שוין די פעסטונגען וואָס האָבן אונדז פאַרשטעלט,
פון דער לעוואָנע רייט צו אונדז דער בליענדיקער פערד.

מיר, דער אָפּפאַל, טראָגן לעבעדיקן קיניגרייך אין פרייד,
אין אונדזער שוואַרצקייט האָט זיך גאָט דערהערט.

דו שמייכלסט אַלץ פון מיינע אַש־צעברענטע רייד
און פון דעם שלעכטן מיסכער מיט מיין זשאַווער־שווערד.

זאַמל אונדז ניט אויף, לאָז רוען אונדזער גוף אין שטויב.
לאָז אונדזער גייסט זיך לייטערן פון נעפּלען הויך.
ס'צעגייט ביי אַלע גרענעצן די רונדע רויטע שויב
און אונדזער נייע שאָ הייבט אָן צו שטראַלן דורך דעם רויך.

צווייטער טייל

פּאַרעטער

דער וואָס קריגט פּעטש

דורך וויסטע גאַסן
טרעט אָפּ די נאַכט
מיט שטאַרבנדיקע
שטום־צעגויפגעגאָסענע אַרמייען.
און פון מיין הויז
אין מיט פון טויטער שטאָט
בליט פרעך
אַ שאַרפער פראָסטיקער באַגינען.

אָ, אומשולד ליגנערישע שנייען,
פֿאַרוואָס אין ליכט פון טאָג
ניט אויפבלאַנקען צוריק
די מעסערס ביטערע
און ווידער
ווי נאָך יעדן קערמישל
ווילד צעשטויבן זיי
און פרירן מיין צעהיצטן זינען.

— שטאָלץ
— גרויזאַם
איז געטריישאַפט מיך באַפאַלן,
געטריישאַפט הינטישע

צום פרייען טאַליען און פאַרשמידטע ראַכמים-קוואַלן,
מיט מאַרטירערשאַפט דערעסענער
ריים איך זיי פול טוויעס צו מיין גאָט
און יעדער דורכפאַל דרעמלט
אונטער רויטע בערגלאַך שנייען.

ביי די וואַסערן פון אונדזער קיער
בין איך קיינמאָל ניט געזעסן
און האָב קיינמאָל ניט געוויינט
ניט אויף די שוועלן פאַר די ריינקייטן שטומע
ניט ביי די סוידעסדיקע ווענט —
וואָס ווער איך אַלעמאָל אויפסניי פאַרברענט
אַז ס'איז קיין לעבעדיקער ניט געבליבן אין אונדזער פאַרמאַכט הויז ?

אָ, יודאַ הייליקער, וואָס ווייסטו אויף אין מיר ?
איך וואָלט געעפנט אונדזער מיסטעריעזע טיר,
בלייב איך
אַ וואונדנדיקע סטירע,
אַ פאַרנאַרטער פירער
און קאָן ניט אָפרייסן די פיס די נאַקעטע
פון פרירנדיקן דיל.
עס פליסן הילפלאָז שטיל אוועק
אַלע מיינע פליגל
דורך די הענט און פיס.

עס איז ניט קיין כאָלעם.
דורך אַלע שפּאַרעס קומען זיי,
די פרידנס־שלוכים,
מיט העק און טיפן נויג.
ווי מיטגעפיל פאַרווירט;
און געטלאַך־כיטרע צירט אין מיר דער סאַם
אַ נייעם איינגערעדטן טראַט
דורך אונדזערע פאַרוויסטע טענעמענט־פּאַלאַצן.
גאָט,
זאָל אופפלאַצן
מיין דויער ווי געוויין,
כאַטש איינמאָל מיך דערהער,
פאַרוואַנדל מיך אין שטיין
ניט צו קאָנען אויפלעבן
און פאַרגעסן ווי צו שטאַרבן.

דער הויכשטאַפּלער

ווען עס וואָלט מיין פענצטער אָפן ניט געווען
וואָלט איך ניט געווען אַזוי צעטראָגן,
מיין שלאָף איז מאַט און קאַלט,
שטענדיק רייסט מיך אויף אַ דורכפליענדער פייערוואָגן.

אַ ניט-געבעטענער איז ער אריין דורך דער פאַרמאַכטער טיר,
געזעסן לאַנג, גערעדט, מיין גאָט, דערגרייכונגען געקישעפט און געפאַנגען,
מיטאַמאָל — פאַרבויגן זיך, געדריקט מיין האַנט
און דורכן פענצטער שטיל אַרויסגעגאַנגען.

אין גאַס איז קיינער ניט געווען געבענטשט
צו זען ווי אייטלקייט האַלט גוף און זעל,
ווי אויף טרעפן איז ער אין דער הויך אַוועק
און אונדז געלאָזן שטרויכלען ביי יעדער נידעריקער שוועל.

עס מעג זיין גרינג דער וועג צום בלינדן הימל-גרין,
מיין פרייד איז בלייבן רואיק אונטער פייערדיקן קוילן-רעגן,
פאַר מיר בלאַנקט אויך דער ערשטער און דער לעצטער זין,
בעסער שוין פאַרכאַלעשט ווערן פון דעם פרעגן.

וואו איז טרייסט פאַר אונדזער אויסגעטריקנט געוויין,
צו וואָס דאָס גליק וואָס דו אַליין באַלייכסט גאָטס פּים ?
עס שרייט פון פינצטערניש מיין אָפּגעוואָרפן, שטום געביין
און מיט געפּאַרן ברענט שיגאָען דורך יעטוועדן פרילינג-רים.

דער וואַיאַזשאַר

און די מאַרע פון טאָג
גלאָזט זיך פאַנאַנדער און
אָטעמט
מיט שטילן בעז.
ערשטער פאַרשעמטקייט
און דינעם ווארימען טרויער.

פרילינג — אָנזאָג — פאַרגלעטע וואונדן —
ראָמאַנסן — זיפצן —
לאַנגע שווייגענדיקע נעכט
און קליינע בלאַטע אָפעראַציעס.

פון די ליכטיקע געהייפן אין הימל
האָבן זיך פריי געלאָזן
אָפּגעווינטערטע לאַנגזאַמע זעגלען.
אונטער דער אַלטער יעגלע
איז שטילער און וואַנזיניקער.
עס אומרוען אויסגעקריצטע בוכשטאַבן, צייכנס —
שטראָמען אַפיר.
זוכן
שיקזאַלן און סוידעס
און כאַלעשן נאָך די גערוכן

פון די וואָס לאָזן שפּורן,
און דער וואַיאַזשאַר
(אַך דו דיכטערשע זעל!)
שטראָמט זיך פאַנאַנדער נאָך זיי,
מאַכשאָוועט מיט זיי
און זוכט אויך
מענטשן
— וואָס לאָזן שפּורן,
ווייל קאָלגייטס פּערפיום איז ניט פאַר די
וואָס שמעקן אליין.
דער יונגער ווינט
ציילט ווידער ביגנייווע
דעם וואַיאַזשאַרס מעזומענע באַצילן
און פון זיינע טיפן
בלויט זיך די שרעק
אַ וויאָלעטן-פאַלדיקע
און גיסט זיך אַריבער
די ריפּן
פון אַ סאַניטאַריום.

ווידער איבערגעריסן.
נו גוט. פּונקט איינס
אין „פאָרוועַרטס"-האָל.
אַך, די מיטינגען.

די סאָכרים האַנדלען דאָרט,
איך זיץ שטיל.
נאָר מיין קראַנק געביין
רייסט זיך
מיט פייערן
צו פונדאַמענטן.
ווילן — געקויפטער נעם —
האַלט אויף מיין הויט.
מיין דורשט איז יונג.
דער וואַיאַזשאָר אין מיר — אַ גייענדער מעס.
פאַלשער דויער — אומגליק — אינסורגענט
און רעד אַלעמען איין
אַז נייע גרענעצן ברעך איך
מיט מיינע צערעבראַלע הענט.

טוכלער פרילינג-כאָלעם,
וואַש מיך גוט אַרום
און ווי ס׳פּאַסט פאַר דער נייער וועלט
וויינד מיר איבער מיין סוכאָטנע זעל מיט ריינערע מעטאַלן
און אַ שענערן איינבאַנד.

הויכע האָפנונג רוקט דעם פרילינג,
מיין כאָלעם דעם ווייזער,
און ווען דער ווייזער נענענדיק צו איינס

האָט מיך אויפגעוועקט,
האָב איך צעריסן די קאָרטן,
אַ וואָרף געטאָן זיי איר אין פּאָנים,
און פאָרנדיק צום „וויכטיקסטן“ מיטינג
בין איך מיט איר אַריינגעפאַלן
אין באַרנום-ביילי צירק.
אין אָוונט ביי דער קאַווע און דעם האָניק-קוכן
האָט זי מוטערלאך געקושט מיין האַנט
און נאָכדעם — ברעג פון האָדסן,
שמעקעדיקע וועש,
דינע ווארימקייט,
ווייטיקדיקע פרייד צו פולער
רייפקייט
און אַזוי פאַרקילט מען זיך.

אָנגעהויבן אויף אייגענע איינקונפטן אין שפּאַס,
איצט לויפט מען אָנקוקן דעם בייזוואונדער.
מען טאַפּט מיך מיט שווייסיקע הענט,
מיט קוים-בריענדיקע דאַמען-נעגל.
איבער אַלע קיניגרייכן פון קאַסרילעווקע
פירט מען מיך אויף אַ מאָדערנער אויטאָ-בויד
פונם קלענסטן מעקלער ביזן גרעסטן סינדיקאַט פאַרוואַל-
טער זיגמונד פרויד
שלאָגט מען מאַמען קויראך זלידנע פרום פון מיר אַרויס

און מיך האַלט מען אויף מיט וואַלעריאַנען־טראָפּנס.

גיי, טו, מאַך,
קאָלומבינא — אַלץ נאָך שמוציק,
דערלאַנגט ספּאַגעטי אומגעלומפּערט
און פּיעראָ, מיין ברודער פּיעראָ פון די נאַלעווקעס,
טורקעט איר אין זייט,
הייסט איר פּיפּיקער און דרייסטער זיין.
ווי עס וואַלט געווען גאָטס גזאַר
גייט אין מיטן עסן
דורך מיין האַלדז
דער גלאַנץ פון שווערד
און —
כ׳רויכער זיך אַ צוגעשליידערטער
צום זיץ פון אויטאָ־בויד
און וויש דעם שווייס אַרום דעם מויל.

ווי זאָל איך העלפן ?
וואָס קאָן איך דען טאָן ?
אָן סאָף, אָן אָן עק.
ווידער פרילינג שלומער,
ווידער מידע ביינער.
מען ברענגט פון די קעלערס
אַרויף דעם אָוונט,

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
55
Montreal - Canada
4499 Esplanade Ave.
8703

פאַרעטער

פאַרלאָשן די לאָמפּן,
מען לאָזט
די בלויע, אָראַנזשענע לעמפּלאַך בלויז
אונטערן אַבאַזשור.
וויספּער פלאַטער,
געבעט,
שעמעוודיקע אויגן
און נאָכדעם:
„קליפּ־קלאַפּ
אין גאָלדן טיר
מיין זים לעבן
עפן מיר“.
די קאַרוסעלע שטייט,
דאָס צימער רוט,
קיינער האָט גאַרניט באַמערקט
דעם וואַיאַזשאַר אין נייע האַמלעט קליידער
לעבן אונדזער אַבאַזשור.
הויכער פלאַמיקער גערانגל
צווישן שטים, געוויין און זשעסטן.
ער האָט פאַליקער געהויבן זיך
צום האָריזאָנט
און ס'האָבן קוילעס שטאַר געברענט:
„זיין, בלויז זיין,
גאָטס פאַרדאַמטע זיין“

— קיין שאָרך, קיין ריר.
— דוכט זיך אַז מען קוקט אויף מיר.
איך זיץ שטיל
אין פּאַפּיראָסן רויך.

אויגן, אויגן,
זעט אונדז,
ווייזט אונדז,
קוואַלן, קוואַלן,
שטערן, הימל,
עמעס,
מוטער-עמעס.
— — — — — —
און פּלוצים ווידער:
„זיין,
בלויז זיין
גאָטס פּאַרדאַמטע זיין.
אַ, קאַריערע — בלוטיקסטע געוויין
פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלן,
ווען וועלן אויפּפּראַלן
די קוואַלן
פון געפּאַרן,
פון ראַכמים?“

ביים טאָל

שפּייסט מיך אויס,
אַלטער טאָל,
רופסט מיך
צום וויפלסטן מאָל?

איך שווער דיר,
עס איז דיין געוויין
שאַרפער פון מיר
און ברענעדיק ריין.

איך האָב ניט קיין לאַנד
און איך זיי,
קיינער באַפעלט
און איך גיי.

איך קום ווי אַן אשיקע זון,
שטיל ווי עלעקטרישער שניי
איך ווער א י ך אויסער גוף
און בלייב אַלעמאָל צוויי.

דו ביסט מער וואָס איך בין,
מיין געפּייניקטער האַר,
מיין אומגליק — דיין זין,
דיין זיג איז דיין צאַר.

אונדזער טאַהאַרע שטיבל — דער דאָלער

אויפן הימל —
פארוואָרפן —
וועלדער-קעפּ;
צעפּעלזיקטע בערג-צעפּ,
וואו שלאָגט איר פאַנאַנדער
די קוילעס
וואָס שטראָמען
אָן אויפהער
פון טאָלן
„האָסאַנאַ,
האָסאַנאַ אין הויכן".
הייליקע ליאַמע
צעברעך —
וואונדיקע רייפן,
אָט, מיינע שלייפן;
מיט אונזער היץ
ברויז
אין רויטן מאַטער,
צוזאָג — אַראָפּ
אַמאָל — אויפן פּיקע-שפּיץ,
אַלע
צום פליגל-פלאַטער.

לעמער — אַלץ נאָך אומשולדיק,
אויף די סודע-טאַצן
ביינדלאך,
פינצטערער אומעט
און מיין אומזיסטע פראצע.
טיכער — אויפגעשלאָגן,
בגאָדים — אָפּגעשטויבט.
אַך, ווי טריי
יעדע שרייאיקע קאָמיטע.
אָ דו כאַלעפדיקער טומל,
לאָז ניט אָפּ די שפּיל
אין בלוטנדיקע טאַטן,
ביזן לעצטן אָטעם
ביזן לעצטן פּלאַטער,
„האָסאַנאַ
האָסאַנאַ אין די הויכן".
און ער האָט געדולדיק
געשלונגען
שטויב,
געשטאַנק
און מיט פּראָזשעקטאָרס באַלויכטן
שטום אויף זיין אייזל
האָט מען אים פּאָרכטיק געפירט
צו די בלוטיקע ווענט פון דער שטאָט.

דעמער כאַלעשט ווייט אַוועק
מיט שוימיקע געלענקן,
גאַסן בליען ביזן לעצטן שטעג
אַריבער זיינע אַונטיקע הענקער,
וויגט זיך זיין געשטאַלט
אַלץ רואיקער און העכער
ווייט אַריבער אַלע דעכער
פון אונדז, די אַוונטיקע, אָפּ;
און די נאַכט
האָט וואַנזיניק לאַנגזאַם
אויף צווייען
צעפּענימט זיין שטראַליקן קאָפּ.

זיין יעדע טרייפע פאַרדעקט אויף אייביק
מיינע הונגעריקע צורעס.
נאָר אין טרייפעס לעב איך זיכער,
מיט פרישע בלוטן ווערט ער פולער
נאָך יעטוועדער קוואורע.
איך בלייך צומאָל זיך דורך זיין האַרץ
מיט אָנזאָג פון אַ רויטן וויכער
און מיט שרעק פון כוויזיקע געפאַרן.

יאָרן ווי איך וואַרט
אויף שטערן פון דער נאַכט.

יאָרן ווי איך קיל מיין גסיסע
אין די ברודנע וואַסערן פון מיזראַך-טייך
און פאַרזען מיין זילבערנעם דערלייזער
זיך אַריינכאַפּן אין מיר
און וויינען ווילד נאָך ראַכמים און נאָך גנאָד.

„האָסאַנא ביטערע,
ווערטער, ווערטער,
וועקט די קוואַלן ביי מיין גומען-טיר".
נעמט ער פּלוצים
און קראַפּירט אין מיר
און איך מיט אים
איבער די פלעטבושעס און בראָנקסעס און די דרייזים.

וויג זיך הימלשע וואַגשאַל,
דער טומבאַנק איז אָרנדיק שוואַרץ,
באַשערט — אַ גליטשיקן שלייען-שלאָף
דורך פאַרפּליעסניעטע ביזנעס
צום טאַהאַרע-שטיבל ביים סאָף...
וואָס רייסט זיך אַהין אונדזער דאָרשט מיט געוויין
גלייך אונטער גאָלדענע ברעטלאַך און שטיין
און פאַרגעסט אָן טיינעג פון קוואורע?
וואָס וויגט זיך צוזאַמען מיט וואָגשאָל
דאָס וואָרט

דער צעריבענער רעמעז ?
דער טומבאַנק אין כצאָם
זיסט אין די הויכן
און כאָלעמט
פון הערינג און מעל,
וויג זיך, מיין שטומע, מיין זקיינישע זעל.

געבעט

פאַם מיך איין אין דיין לאַנד
און פאַרזיי ביי מיין היטער
איך וועל בענטשן דיין ערלאַכע האַנט
די ערלאַכע האַנט פון מיין שניטער.

מערדער פון גראַניט און קיינעם
טאַליען פון ליכטיקן טויער
פיר מיך דורך דורך דעם היטער דעם ריינעם,
באַפריי מיך פון בלוטיקן מויער.

ביסטו טויט ? איך בין לעבן פאַרשאָלטן,
ביסט מיט מיר דאָך איין גוף און איין זעל
נעם מיך מיט אין דעם לאַנד דעם באַטאָלטן
צום היטער אַריבער דיין שוועל.

אין כוישעך

פאַרזונקען אין נעפּלען די גאַסן,
וואַנזיניק צאַרט ווערט די שטאָט.
עס רייצן מיך שאָטן-גרימאַסן
און שלייכן אַפיר פון מיין טראָט.

ס'האָט אין פינצטער מיין וועג זיך געצונדן,
געצונדן, געברענט און פאַרברענט
מיינע ביינער באַפרייטע פון וואונדן
וואָס אַשן צו דיר נאָר געווענדט.

עס זילבערט דיין הימלשער פענצטער
מיט מילכקייט פון נאַכטלאַכן שוואַרץ,
עס וואַקסן אַרום דיר געשפּענסטער
און פרירן די שוועל פון מיין האַרץ.

עס נידערט דיין זעל פון די וויעס
איבער דופּטיקן סאָד פון דיין גוף,
עס טראָגן פאַנאַנדער מיך קריעס
ווי רייטנדע טורעמס מיין רוף.

אַ טריוויאַלער טויטפאַל אין היסטאָרישן אָקטאָבער 1917

פּאָליאַקאָוו.א — אַך ווי זיסלאַך,
פֿאַרשמאַכטע רוסישע ראָמאַנסן,
דער הערבסט וואָס ווײנט פֿון דײַנע קני
האָט אָפּגעווישט די גלוסטן און די שאַנסן.

ניט פֿאַרכאַפּט צו שטאַרבן — גראַנדיעז,
פֿאַרפֿאַלן —
די לאָרבערקראַנצן און מײַן אַש קערט אָפּ
דולדנדיק געצאָלט פֿאַר קאַרקע און פֿאַר „ספּיטשעס"
איצט רײַסן מײַנע יאָרשים מיך אַראָפּ.

די ראַכמים־שאָ שטראַלט לאַנגזאַם אויף
מײַן נאַרישן געווויסן,
דורך אויסגעטראַכטע מאָרדן שטײַגט רואיק
דאָס וואַנען נאָך אַ נײַ געבורט
אָנשטאָט דעם אַלטן נעווראַסטענישן לעוואוש
האָב איך מיט כוואַליעס רויטע סרײַפּעס זיך אַרומגעגורט.

אַן אומגליק — אַלע כאַנפּענען ווי איך
דעם הערלאַכן גערעכטן פּויסט,
אַ פֿרירנדיקער רײַס איך פֿון מײַן האַרץ, ווי ס'פּאַסט,
הימנען אָרגלענדע מעליצעס אויס.

אַ ניי־געבוירענער און אַלץ נאָך איבער טורעמס מיטן קאָפּ אַראָפּ
הייב איך זיך אַפּיר פון זאַטן און באַזיגטן לעבן
עס רימט אין מיר זיך אייטל פון דערקענטע יאמען־דעקן
וואָס שפּעטן שוואַרצלאַך פון מיין ספּירע־שוועבן.

גאָטס גנאָד אויף אייך, איר מעגאַפאָנען, וואונדערלאַכע ברידער,
געבענטשט זייט וואָס דער מאַרך ביי אייך איז פרעמד און וויסט,
מיין ניי־געבורט מיט עלטער ריזלט ווידער
איבער מיין באַפּאָנט זעלן־מיסט.

ווער ווייט וואָגן שענדן מיינע שלעכטע שורעס
וואָס איך האָב פאַרשוועקט מיט דעם אַרבעטערס מאַזאָלעס?
אונטער נעזער רוק איך גייוועדיק
מיינע נאַר וואָס געבאָרגטע אויף האַטשיקעס מאַזאָליעס.

נאַר ווען עס רייסט מיך אויף דער לאַנגווייל פון געפּאַרן
קומט קיינער ניט מיין טויטע זעל מיט באַלזאַמען באַגיסן,
מיין דורשטיק לעבן האַלט איך אין איין נאַרן
אַז איך האָב זיך דעם אַלטן בייזן אינוועטאַר אַליין אויף טויט
פאַרשמיסן.

דער לעצטער צוג

שוואַרץ און בלאַטיק איז געווען די רעגנדיקע שטאָט און אַלע
בלודנע ווענט האָבן זיך פאַר מיר געבויגן.
איך, פאַרנעצט אין יאָמטעוודיקן ווייסן, האָב זיך שטיל געפרייט
וואָס כ׳האָב פאַרשטאַנען וואו עס האָט דער לעצטער פּיי-
ערלאַכער צוג געצויגן.
שוועבנדיקע שטומע קוילעס פּלעמלען אויף אַרום און אויסגע-
הוילטע מענטשן וואַקסן פון דער בלאָטע שטאַר אַרויס.
פּלוצים — ווי אין טאָל אָן איינזאַמער מיט שטעקנס איבער
פענצטער וועק איך וואָס עס קאָן ניט זיין דערוועקט פון
אונדזער כורווע-הויז.
וואָס אַנדערש קאָן איך טאָן ? די קראַפט פון אונדזערע אור-
אַלטע שפּרוכן שימלען אויף די אויפגעריסענע און מידע
טירן,
דער צויבער זייערט דורך און שטייפט זיך אונטער מיינע ציין
באַהאַלטענע וואָס שאַרפן זיך און פרירן.
וויפיל מאָל האָט מען די ווייבער אונדזערע דערציילט אַז איך
בין טויט און האַנדל דאָרט מיט אַלטן אייזן, גלאָז און
מעש.
און גליקלאַך זיינען זיי מיט „שאַרלאַט-רוסעס" און מיט אויס-
געגאַרטע דורכזיכטיקע וועש.
שאַמאָסים אַלטע האָבן אויפן גוטן אָרט אויף אונדז געוואַרט און
מיך, דעם כאָסן, פייערלאַך אַריינגעפירט אין דער קאַפּע
„ראָיאַל".

פון הייכן רייצן זיך מיט מיר מיליאָסן רעטונגס־גאַרטלאך
לויכטנד־שווימענדיק איבער דעם לילאַ־שוואַרצלאַכן עמאָל.
ווען ניט דער צערנדיקער פאַפּיראָסן־רויך און דער געשטאַנק פון
קלוגע רייד און פרויען־שמינק
וואָלט איך דורך וועגט ווענערישע אַוועק צוריק אין לעבן מיט
פרישע טייכן זעלן־צינק.
נאָר מען שלאָגט מיך איבער. און אַ בייזער הייב איך אָן צו
פרייען זיך וואָס כ׳קאָן ניט ערד און הימל צוזאַמענגיסן מיט
איין וואָרט.
נאָר אָט רייסט זיך די טיר פאַנאַנדער, און אויפגערעגטע פרעגט
מען צי איך בין טשאַסעם ניט פאַרשוואונדן פון דעם גוטן־
אָרט.
באַלד נאָך זיי רייסט זיך פייער דורך דער טיר און פענצטער;
עס ברענען טישן, מענטשן און מיט די פלאַמען שוועבן
אַלע הויך אַוועק און ווערן ניט.
ענדלאַז גוט איז מיר וואָס אין דעם רויך האָט ביז צום הימל
זיך אַ הויכער זייל געטאָן אַ שניט.
איידער לאַנגווייל זאָל מיך צערן, בין איך מיט ליבע און מיט
גוואַלד געקראָכן אויפן פרירנדיקן הימלזייל
און האָב געוואונדערט זיך וואָס קומען ניט מאַלאָכים צו מיין
הילף און ווער פאַרבלוטיקט און פאַרכאַלעשט ביי יעט־
וועדן צייל.
נאָר עס האַלטן אין צוריק מיר קומען קויכעס פון אַ שרייבנדיקן
קלאָון מיט אַ פאַזע־האַרץ פון שטיין

כאַפּ איך זיך נאָך ווילדער אויף און שטייג אַ וואונדנדיקער
העכער און אויף מיין קאָפּ צעשמעטערט זיך אַ ביטער
געוויין.

אויפֿן הימל

גאָט פֿון ראַכמים, איך גיי איבער דיין הימל אָן מוירע
מיט מיינע יאַנטעווו קליידער דורך דיינע בייזע גרענעצן
צעריסענע,
ניט די קילקייט פֿון דער גרויער פּלאַכער זון אונטער די פֿיס,
ניט דער שימל-בייסנדיקער ליגן,
נאָר איך פֿאַרטראַג ניט מאָנאָטאָנע לוזשעם
וואָס ברייטן זיך אויף מיר מיט פֿאַלנדיקע שטיגן.

וואָלטן אויפֿן הימל כאָטש געווען פֿאַרהאַרטעוועטע בלאָטעס,
וואָלטן זשאַווערדיקע שטערן וואָס עפּטער צעריסן די פֿיס.
ס'האָט ליב מיין קאָפּ דעם בליץ ווי פֿון אַ פֿלינקער דלאָטע
ווען ס'הייבט אין מיר זיך כאָלעמען
דער וויסטער וועג וואָס וועט מיך פֿירן צו גאָלגאָטע.

מיין זעל, מיין זעל,
צו ווערן נאָכאַמאָל דערהויבן און קיינמאָל מער ניט פֿאַלן,
ווי „וועזנס דערהאַבענע" אָנהייבן אויפֿסניי,
מיינע טייערע געזעלן,
ניטאָ וואָס לעבעדיק צו ווערן אפֿילע ביי דעם לעצטן שאַלן
און איך רעד זיך איין אַז ס'איז מיר גוט
שפּאַצירן זיך אַ טויטער איבער הימל-לוזשעם פֿריי.

איך ברעך ניט מיינע הענט און ביים זיך ניט די נעגל,

כ׳בין רואיק, וואָס איך ווער דערטרונקען אין אייביק-לאַנגוויי-
ליקן דעמער
און ווי איך האָב געפּלאַטערט דאָ צו קומען ווי אַ פייערדיקער
זעגל
וואָלט כאָטש שרעק געהאַלטן הויך מיין בלוט ווי שטורמווינט
די לעמער.

כאָלעש איז דאָס הויז פון אַלטן האַר,
גאַווריעל אַרבעט אַלץ נאָך דאָ און וואוינט אין אָרטשאַרד סטריט,
בלויע טרעף-פּאַרענטשעס, אונדזער מאַלעך ציט פון קאָניאַק-
פלעשלאַך
און ס׳וואַרטן זקיינימלאַך אויף זייער רייע שטאַר.

גאַווריעל אַלטינקער פון לאַנג שוין אויסגעגרינט מיסטאַם
אַזוי פאַרטאָן אין זויפן און אין פרעס.
הימליש גיי איך שטיל אַדורך — אַ שוועבנדיקער שטאַם,
וועט פירן מיך די שוועל צו נאָך אַ ליגן צי צום ערשטן נעס?

פלוצים וואַקסן פון גאַווריעלס פּלייצעס הענט אַרויס,
פאַרהאַלטן מיך מיט טרערן,
מיין שטאָלצער פּאַספּאָרט איז דער „אין זיך" און קאַפּע,
עס שיסן אוים די אַלטיטשקע
און לאַכן גלייך אויף מיר מיט רויכעדיקע שטערן.
שאָען, שאָען,

טעג
און יאָרן,
דער וואָלקן איז פון לאַנג אַוועק,
עס זיצט ביים שוועל גאָר לאַ־טצע.

דימענטן און מאַזדאַ־לעמפּלאַך האָבן אָנגעהויבן בליצן פון מיין
קאָפּ,
ס'האָט ניט געהאָלפן —
ער זיצט אַלץ נאָך גרויזאַם רואיק מיט די שאַרפע קנאָכן,
האָב איך געווענדט מיין האַרץ צו דער אומגליקלאַכער ערד אַראָפּ
און מיט אַ צעבראָכן געמיט, ווי ס'פּאַסט, אַזוי געשפּראָכן :

„וואו זייט איר, אומגליקלאַכע שיקזאַל־ברידער,
יונגיטשקע גאָטאַמאַ בודאַס פון איסט סייד,
צו וואָס מיט אונטערוועש געווען איז דער פּאָעטישער גערודער,
צו וואָס נאָך מאָלצייטן פאַרגיין זיך
אין נירוואַנאַ מיט שאַמאַסים ביי דער זייט ?

„צו וואָס דאָס שפּעטן פונם פייער־מויל
וואָס מען האָט פון צוקונפטיקן נאָווי אין אַ נויט געטרויבט,
איז בעסער וואָס דאָס לעבן איז מיט אונדז צוזאַמען הויל,
איז בעסער וואָס עס ווערט מיט פוילעניש די זעל צעשטויבט ?

וואו זייט איר, וואו ? איך וואָלט באַוויזן די לויכטנדיקע טיר
וואו ס'קאָן קיין איינציקער פון אונדז דאָרט ניט אַריין,

שוין יאָרן אַז איך גלי מיט וויצן, מיט סיגאַרן און מיט ביר,
און נאָר מען פֿאַדערט פּאַשעט־ברידערלאַכן שיין.

„איר האָט געשמייכלט איבער מאָנענדיקן שוויים פֿון פּעבל
וואָס שרייט אַרויף אַהער ווי זודיק־הייסער סאַם,
מיר האָבן זיך אַליין פֿאַרשניטן און פֿאַרבראָכן קעגן אונדזער
שטאַם
און ס׳ווערט פֿאַרפּלייצט דער גרונט מיט טייכן רויטלאַך־
־שוואַרצן שוועבל.“

אַ זאַנפֿטע שטימע האָט מיך דורכגעקרייצט,
איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט,
מיך האָט געגעפּלט: איך האָב מיט לאַאַ־טצע ניט קיין באַשטאַנד,
איך ליג, אין טייכן שוויים פֿאַרטונקלט ביי זיין ברענענדיקן
מאַלבעש־ראַנד
און הער זיין רואיק־שניידנדיקע שטים:
„מיין בלאַסער שאַטנריטער,
עלאָקווענטער שרייער פֿונם הימל אויף דער ערד,
וואָס ווידערשפּעניקסטו מיט שיינקייט, ערלאַכקייט גראָד די
וואָס דו אַליין, אַ זינדער ניט פֿאַרגעבענער, ביסט ווערט“.

צום עמעס

און עפשער וועל איך דיך נאָך זען
אין פינצטערניש וואָס האָט זיך פון מיין זעל פאַרשפּרייט,
ווען איך וואַך אויף מיט מאַנענדיקן ברען
פאַרליר איך אַלע פורעמס פון די צוגעגרייטע רייד.

עס האַלט מיך אויף אַ לויטער שטראָם פון אונדזער אַלטן סאַם,
איך פריי זיך וואָס איך ליג דאָ ווי אַן אָפּגעגאַרטער הונט,
עס לעבט אויף מיין געביין ווען מערדער-נעגל גליען דורך מיין
קראַנקן שטאָם
און שמייכל וואָס איז ריין געווען מיין שוואוע ביי דעם ערשטן
בונד.

איך בין ניט מיד פון מיינע ליגנס און מיין פאַלן,
עס קוואַלט מיין האַס און דאַנקבאַרקייט צו גאָט
וואָס כ'פינצטער צווישן לעבנס פון געבורט ווי מיינס פאַרפאַלן
וואָס פלוצים טראָגט אַ פייער מיך אַוועק ווי אַ פאַנטאַסטישן
פּילאָט.

איך בין ניט מיד צו ווערן ווידער אויסגעלאָשן, אַשיק-שוואַרץ,
עס לויערן אַרום מיר מיילער אין יאָמען אויפגעשמעלצטן אַרץ,
עס גלייזן מיינע אויגן ברייט-צעעפנט אונטער שניידנדיקן האָגל
און גוט איז מיר וואָס ס'איז קיין סאָף ניטאָ צו מיינע וואַנד-
לונגען און וואָגל.

און נאָר איך ברענג אַן אָנזאָג און טהאָם אַליין אין כוישעכדיקן פראָסט,
מיין טרייסט — וואָס דו אַנטפלעקסט זיך ניט פאַר מיר,
און עפשער ביסטו מיין פּאַראַט וואָס קוועלט אין מיר ווי זיסער ראָסט,
וואָס וועקט מיך אויף פאַרצווייפלט ווען איך שטאַרב ביי יעדער שוועל.

אויף יענער זייט שוועל

ביים לעצטן שטרייך שטיי איך אַן אויפגעפלאַמטער
אָן וואונדער וואָס איך מוז צעגיין אין אַש און ווינט,
צו וואָס בלייבסטו מיין זעל אַן אייביק איינגעצאַמטע
אַז ס׳איז מיר נימעס טשוואווע, ריייניקייט און זינד?

הונגער האָט אונדז אַלעמען פאַרשניטן,
עס האָט דאָס לעבן אונדז פאַרהאַנגען רויט,
ביטער איז וואָס כ׳האָב קיין שאַרף ניט אויסגעמיטן,
ביטערער וואָס כ׳קאָן ניט שטאַרבען מיט קיין טויט.

שוין לאַנג ווי ס׳איז צעפאַלן אונדזער יעדער טויער,
מיר — נאָך ניט אַראָפּגעשווענקט אין אָפּגרונטן פון רו.
וואַך אויף, וואַך אויף, פאַרוויש דיין ווייבערשן טרויער,
שטיי אויף צום נייעס, הערלאַכן טאַבו.

טכיאָם האָמייסים

די לעצטע סריפּע — שטיל,
עס שוימען ניט קיין ברעגן,
אין ווייטסטע פלאַמען זינגען יונגע שטימעס קישעף-שוואַכים,
ווילד-רואיק ווערט גאַטעסדינסט געפּירט.
ביים וואַנט איז קילער, אין דער פינצטער ליכטיקער,
און ס'וויינט ניט מער דאָס בלוט וואָס דאָס איז לעצטער סאָד.
אַט הייבט מען אויף מיין האָר, מען שטעלט אים אויף די אַלטע
פּים,
קוים ווי ס'רוקן זיך זיין באָרד און אָפּן מויל
און ציטערדיקע הענט צו בענטשן מיך.
עס נעמט קיין סאָף ניט צו זיין גיין,
איך שלאָף איין און וואַך ביים וואַנט
און וואונדער זיך אין כאַלעם ווי ס'בלייבן מענטשן אייביק גיי-
ענדיקע שטיין.

דער הימל ברייטערט שלאָפנדיקע עכאָם הילף-געשרייען,
אומפאַרשטענדלאַך וויאַנעט וויט אוועק דאָס פּיערלאַכע גאָ-
טעסדינסט
און ס'האָט דער ווירוויך שוין דערגרייכט מיין פּאָנים.
פלוצים גיבן מיך די אַלטע ציטערדיקע הענט
אַ ברי,
האָב איך די ביינער מיינע אויפן ווינט צעשאָטן,

מיין ליכט אַליין פאַרשניטן
און ווי פייער,
ווי געוויין,
ווי פרייד
האָב איך זיך אַ גאָס געטאָן
אַראָפּ
אַראָפּ צוריק
צו ערשטער זשאַוועריטיר,
צום שוועל פון שמוץ און אָפּפאַל און פון סינע,
צום שענדלאַכן געדוך פון קיינמאָל שטילנדיק געוויין.

אַ מיינע ווייכע הענט, איר ציכטיקע,
ניטאָ קיין כאָכמע גאָר אין אייך,
דאַרף מען אויפבויען פּערפעקט דאָס וואָס איר אַליין צעשטערט,
מוז איך ווידער אָנטאָן מיינע האַרעפּאַשנע הענט.
איך הייב באַנייטן ערשטן טאָג, דעם ליכטיקן
ביי זיינע שאַרפע ברעגן
מיין ביטער פרייענדיק האַרץ אַנטקעגן.

צוריק אין טאָל

ווער קוואַלט אויף אונדזער טאָל דיין גנאָד — די פינצטערניש,
איך רו אין גאַל וואָס ווישט פאַנאַנדער אַלע שמירעס.
ווער האָט געפּעלשט ? ווער ווערט דאָ קלאָר
פון רויטן גלאַנץ אַריבער רוקנס און צעברעכטע צורעס ?

דער פייערשווערד איז לאַנג שוין דאָ,
עס איז דער ערשטער טאָג נאָך ניט געקומען,
שטראַליק איז דער וואַנזין פון דער לעצטער שאָ
פון מיין צעאַשטן שרייען שווימט אין נאַכט אַ זילבערנער מיין גומען.

דו פרעגסט פאַרוואָס איך בין אין טהאָם אַנטרונען פון דיין ליכט,
פאַרוואָס איך ווידערשפּעניק מיינע ווערטער וואָס דיין זעל פאַר־זיכט,
כ׳וועל ברענגען דיר פון יעדן שקלאַף דאָס היילעקסטע געזיכט
און זיך אַליין צעשמעלצן מיט יעטוועדער קייט.

נאָר ס׳גייען מיינע קויכעס אויס פון דעם וואָס כ׳ליג,
איך רעד דיר שטענדיק איין אַז כ׳פּלאַטער דורך דיין סאָד,
פאַרוואָס מיט טרערן בעטל איך זיך אויס פון דיין יעטוועדער שטייג,
אַז מיט מיין האַרץ שטראַלט אויף דיין לעצטע פייערדיקע ראָד.

פֿון טורעם-ליכט שפּרייזט ווידער שטיל אַראָפּ אַ הייליקער
מאַרטירער,
ווידער פֿול מיט שיפֿלעם זיינע ראַכמים-גלידער,
בלויז אַ קאָרבן וויל איך זיין, איך — אומנויטיקער באַצירער,
און צעברעכן יעדן שאַרף פֿאַלנדיק אויף אים אַנידער.

ניט קיין ווידערשפּעניקער בין איך. עס שלאָגט אין מיר אַ ניט-
פֿאַרשטאַנענדיקע היץ,
איך לעב צוריק אויף וואו עס לויערט נאָר געפֿאר
און גאַר מיט גרויזאַמקייט פֿון אָנזאָג-בליץ
פֿאַרוואַנדלען אין אַ הויכן זין יעטוועדן אָפּגענאַרטן סכאַר.

די סימולירטע

מיט שאַרלאַכע רינשטאָקן — פאַרפּלייצט,
ווי טייכן אוים ברעגעס
טראָגן זיי אונדז.
פאַר דעם שווינלאָזן אויפגאַנג
שרעקן זיך די ווינטן צאַרטע,
שווימען זיך פאַרוים
נערוועזע לירישע שוואַנען
מיט רויטן פּודער און מיט כוואַטסקע צעפּאַטלטע שרינטן.

דאָס וואַרטן נידערט לאַנגזאַם ווי אין דעמער
עס ברענען וועלדער מאָנענדיקע הענט,
מיר טראָגן טרייסט אין לעכערדיקע עמער
און זוכן טרייסט אַליין אין די צעפּלאַמטע ווענט.

דער לאַנגער וועלט־אַנטראַקט איז בלוטיק און געמיין,
אַ טאָג,
פאַרלענגער ניט דאָס וואַרטן פון דער שפּיל
און לעב ניט אוים מיין אָטעם מיט מיין זעל.
אַנטפּלעקט זיך, מיינע אויגן־הייטלאַך,
שווימט אָפּ מיט יעדער פאַלנדיקער וואַסער־וואַנט
לאָזט די טהאָמען אָפּהאַלטן די טיינענדיקע זעאונגען
און עפענען די לעצטע טויערן פון לעצטן סאַד.

דער ווילדער פייער-גלאָק איז דורך
דורך יאַמען, אָפּגרונטן און הינטער-קאָרידאָרן
און ס׳פּליסט אין פּאַספּאַר-שיין דאָס וועלט-באַשאַף,
עס נעפּלען זיך אָפּטריניקע פון אַלע שטרענג-געפּאַסטע שטערן,
הייסע ליבשאַפט גרויזאַמט מיט דערפרייטן מעסער-גלאַנץ
און היט דעם קאָרבן-וועג צום לעצטן נעס.

דער שפּעטער מאָרגן-דעמער קרעפּטיקט אויף
מיריאַדן ברעגן פון דעם פּאָרהאַנג
און ס׳פרירט מיין יעדער ביין פאַר פרייד
וואָס כ׳שטיי געלעמט מיט מיינע פיס אַריינגעוואַקסן אין דער
ערד
און מיינע הענט אַרום די צופּעליקע שכיינים.
אויף דער עסטראַדע רוישט מוזיק
מיט שטויב און באַיאָנעטן-ליכט אין ווילדער ראַנגלעריי,
בליציק-הויכע פרייד און נידעריק געוויין,
עס פּלאַצן וועלבונגען און ווענט,
עס ציטערט אין דער עמעסן די ערד
און ס׳פּליען — ספּעציעל פאַר אונדזער בינע צוגעגרייט —
קעפּ און הענט און שיינע פערדן-היפטן און מאַשינען-ברוכן,
פּלוצים — דער באַטאָן,
אַ קלאַפּ,
אַלץ שטילט איין
און ס׳גייט אַרום די זון

און באַלד נאָכדעם אַ ברייטער שטאַרקער
טייך, וואָס שווענקט אַראָפּ דעם שטויב,
געשטאַנק און טעאַטראַלישן געביין.
דאָס וואַרטן אויף דעם ווייטערדיקן אָנהייב
איז סוידעסדיק און ווייט.
פון אָנגעשטרענגטקייט שלאָפט די שטייענדיקע וועלט אַרום.
און ס׳כאָלעמט אויף דער פאַראַדיז
מיט גאָר די לעצטע איינריכטונגען
און ס׳ברייטערט שוין דער אָפּשיין פון דעם נענענדיקן נעם.
אַך, געדולד, דו געטלאַכע מאַטאָנע,
האַלט נאָך איין דעם לעצטן פייערדיקן פלום,
בעט איין אין דיינע היצנדיקע פאָרן די סאַקאָנע
און אַלע דיינע שאַרפן פון דעם לעצטן רים.
און אָט דער לאַנג-געגאַרטער
הימל-טייך,
קוביסטיש-קלוג און איינגעצאַמט
און אָט —
אַ, הייליקער,
אַלמעכטיקער,
ווידער, גאָט דערבאַרמדיקער,
ווידער
דיזעלבע לירישע שוואַנען
און מיט דיסקאַנטן
הייזעריקן זיי

באַריטאָנענדיקע ,אינטערנאַציאָנאַלן
און אויף רעדלאַך שלעפּן זיי
מיט שטראַלנדיקע שטריקלאַך
אַן אַלטמאָדישע טורמע
מיט ליאַלקעס ביי די גראַטעס,
אַ פּאַבריק און אַ שלאַכט-הויז.
ביי די פענצטער גאַפּיען
געקינצלטע בוימער מיט בלעכערנע פייגעלאַך
און ס'אַראַ זים געזאַנג,
און אָפּטימיסטיש וויינען אַלע מיט
ווערטינסקים אַ ראָמאַנס און נייע אַריאַס פון „לאַ טאָסקאַ".
קוקט זיך ניט אַרום.
אַלע דענקער ליגן טויט מיט פּענימער צום הימל,
די דאַמען האַלטן צוגעגרייט פּאַפּירן-קווייטן.
דורך די פּאַרכאַלעשט-זיסע גליצערין-עסטעטן
שוועבט דורך אַן עזאָטערישע בינע-צוואַנג
און זוכט מיט אירע טיגער-ציין
די גאָטס-פאַרדאַמט-פּאַרנופּטיקע פּאָעטן.

די בראַווע אַריינברעכער

מיר זיינען אָנגעקומען שפּעט אין נאַכט,
מיר און טויער ניט געווען אָפן.
דעם וועג צוריק האָט ווער פאַר אונדז פאַרמאַכט
און ס'מאָנט דער יאָך מיר זאָלן בלייבן דאָ אויף אייביק שלאָפן.

ווער ברעכט דאָ שלעסער? ווער טרעט אויף טויטע היטער?
ווער בלאָנקט מיט מעסערס האָפערדיק און שיין?
געבוירן זיינען מיר דאָך אַלע איינס און טאָפּלן זיך פון אייטל-
קייט אליין
און קיינער הערט ניט ווי עס שפּעט פון אונדז אַ פעלדיקער גע-
ווימער.

צו וואָס געווען איז אונדזער וואַגלעניש אַהער?
איז דאָס דער סכאַר פאַר אַלע גרויזאַמע געבאָט?
עס רוט זיך יעדער זאָט ביי זיין געווער
און נאָר מען האַלט אין רעדן וועגן גאָטס גנאָד.

די טיפע מיטנאַכט גלייכט אוים אַלע זיגער.
מאָרגן־דעמער דעקט אויף כורוועס אָפן.
ווידער פון די כורוועס קומט אַ נייער קריגער,
מיר מיט יאָך פון אַלטע גלויבנס ליגן דאָ און שלאָפן.

דער עשאַפאָט

אָפּגעקילטע פרייד
אַש,
וואַש,
מאַבל,
דעם שטראָמיקן רויך ;
ניט מיט ערדישער זון
שפּיגלט
דער יאָמישער הייך,
מיט ברענענדיקע פּראָצעסיעס
וואָס פליִיצן
דורך לענדער
צו זען
דעם וואונדער
אָ, גאָט,
דעם וואונדער,
דעם נעם
פון בלוטיקן אויפקום.

פון אונטער קוואַרים
און אָפּגרונטן,
קוואַרצן און
שוואַרצע פייערן

האָט מען אים צונויפגעשאַרט
און פאַרן האַמוין
אויפן עשאַפאָט אַוועקגעשטעלט
אונדזער האַר,
דעם פאַרפייניקטן מעם.

ניט קיין נעם.
אַלץ —
פאַרשטענדלאַך.
דער נאַקן — אַ בראָך.
מיט די הענט — אַ פיר
צום קויט פון פּים
און פון אונטער זיי
אַרויסגערימן
צוויי פעלזיקע לוכעם
און צעשמעטערט
אָן די כוואַליעם קעפּ.

פלים,
שפּרייט זיך,
שאַרף זיך,
נידער,
מיין זאַפּט,
וואָס קוואַלסט

מיט צעשטערטע
געבאָט
און צעעפנסט
דעם בליענדיקן מעם
מיט אייביקן ליכט
און לייכטסט דורך
און צעבייטסט
אַלע עקן
פון דער וועלט.

קליוקווע בליט שוין
אונטער די פּיס.
הינטער־גאַסן —
גאַפן
און פאָדער־גאַסן
שמידן
געווער אויף געצייג,
פונווייטן
לאַנגזאַמט פּעלז אַראָפּ
און טאָל
האָט אויפגעבויגן,
האָט זיך ווידער
באַוויזן
דער שטראָליקער עשאַפאָט.

שיינע קינסטלאַכע וואונדן,
זילבערנע הערצער,
אַראַבעסקן סימאָנים,
הימל און ערד
זעט מען קלאָר
נאָר ניט אים,
דעם ליכטיקן מעס.
דורך באַזונדערע אייוורים
זעט זיך דער אייזערנער
גאַנג
פון סרייפעס,
מילכאָמעס
רעוואָלוציעס
וואָס שלאָגן
פון אים,
נאָר ניט אים
דעם פאַרפייניקטן,
דעם ליכטיקן מעס.

דער אָנהייב

צעבראָכן
מיט ספּערישע ווענט,
צעוואָרפן
מיט בלוט און מיט ליכט,
איך זאַמל
מיין מענטשלאַך געזיכט
מיט מיינע
פאַרלאָפענע הענט.

שטומען
מיט ספּאַזמעס אין טהאָמען
לויכטן
ביי אַלעמעס טריט,
זיך גאַנצן
מיט יעטוועדן שניט,
צעשיטן
דאָס האַרץ און דעם נאָמען.

פאַרפאַלן,
ניט האָף, ניט באַדויער,
באַשערט
אַ מאַרטירערשן שטעל,

אַ ליגן,
וואָס וואַנט ווי מיין טרויער,
וואָס קלאַרט
מיט די אַשעם פון זעל.

גערוואונען —
פאַרפאַלן, פאַרפאַלן,
הויל —
אונדזער שטראַליקער זיג,
צעשמעטערט
דאָס דעמערדע שאַלן
פאַרצווייפלט
פון מישפּעט און קריג.

דריטער טייל

פליאַסקעדריגע

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
Montreal - מאָנטרעאָל

87 03

פון קלאָען צו טרוימען

פאַרצווייפלט
פון מישפּעט און קריג
עמעס
פון היציקסטע שאָען
וואַקס,
וויג זיך, וויג
אין בלוטיקע
טרוימען און קלאָען.

צום זין
אין געווייסערם רויט,
פאַרגאַנגען
אין כיעסע אַנגסטן,
אַ זיסע
ראַכוועס פון טויט,
אַ לעבן —
צעפּייניקטע שאַנסן.

גענאַרט
פון מאָשיכישן דויער,
אַנשטעל
שטומט און באַלט,

לויערט
צעשניטענער דויער
שטראַליק,
זעליק און קאַלט.

שאַרף
פון גזאַרם צעפּאַלן
דויערט,
איינציקער דויער.
פון כאָכמע
די זערנעם צעשאַלן
מיט הימל,
שוועלן און טויער.

נאָכן גרויזאַמען יאַריד

דער זייער איז פון לאַנג אַוועק,
דעם זייערס מאַרק וועט מער ניט קומען;
עס שלאָפן זאַמען אויפן דעק,
שטיל די וועלט אַרום דעם ברונעם.

וואו זיינען וואו די פיס וואָס בליען
וואָס טראָגן ניט פון סאַם קיין בליט?
די פרעמדע שטעט מיט ווילדגראָז גליען
עס וואַרט די גאַס אויף טויטע טריט.

ווער מאָגען קאָן פון וויסטע ערטער,
ווער קאָן קומען אַלץ פאַרווישן?
אין לערע הייזער פוילן ווערטער,
דער כעשבן שלאָפט אויף אַלע טישן.

די זיגן אין איסראָעל

וועקן צעשיקערטע זיגער
מיט שאַרפן פון דופטיקן וואָרט,
איבער רוישיקע מערק איבערקערן
די לעצטע געגאַנזועטע קאָרט.

עמבריאָס צעוואַנדלט אין מענטשן
רייסן זיך פרעך פון דער ריי,
עס האַפטן זיך שטיל אָפּ געלענקען
און בענקען נאָך האַפטן אויפסניי.

פון טויטלאַכן מאַטער — אַ סרייפע
שמעלצט איבער מעביצעס מיט זיניקסטן כיעס,
ווי קאָן מען פאַרווירקלאַכטן כאָלעם צענישטן
מיט שיקרעס און בייזקייט און קריעס.

אַן אויסגעריסן זייטל פון פּינקעס

סאָרטירן,
צונויפשטעלן אַ לויכטנדיקן קאַטאַלאָג
פון שווערמער מאַסקאַראַדן ביזן
קיינמאָל ניט געהערטן דיאַלאָג.

די פלאַמען זיינען גרייט
דערהויבן די טראַדיציע
מיט ניכטן אַלץ סאָרטירטערהייט.

דער אויבן נידערט
מיט פאַרפּוצטע שווענגערדיקע לענטעס.
און פול איז טיינעג מי
דורך יעדן ווייזער
אַ שאָד וואָס ס'ברענען אויך די פּים
צוזאַמען מיט די פענטעס.
אַ שאָד וואָס שייטערס יאָגן שטאַרקער
דאָס אומריינע קרייזן.

באַהויפטן ליכט אין שוים און זין אין טרערן
קאָנען אַלע,
עס פלאַכט אַן סאָף
די צופעליקע רעגונג.

אין צייט פון וועלט-סרייפעם פארקויפן זיך
— אַ שאָד,
און נאָך מער שאָד —
וואָס אַש איז אויך באוועגונג.

ביים נייעם טראָט

פויסטן בליען:
בייט דעם טראָט.
שיידוועג דרעמלט
אויף די ליפּן.
פּאָלעם קויטן
אין באַראָט,
זיי צונויפקלייבן —
קלייבן שלייענדיקע פּיפּערנאַטערס.

נעוויעם זאָגן —
גרינג
אין מיסט,
זין און שיינקייט —
נאָך אַלץ יעצירע,
הייבאַם-פינגער
ווייט און וויסט
אויף טאַמע אויגן
זונען-ווירעם.

אַנהייב —
לאָז ניט
לענדן,

פּיין און טיינעג —
פּליטקעם,
יעדער סאָף —
דיין שענדן
אָרעאָלן
מיט געהענעם וויטקעם

לעצטע געשעענישן

קאָרנבלימלאך וואַשן זיך אין רעגן,
רעגנבויגנס גלעטן זיי די קני,
בלעזלאך טאַנצן זיי אַנטקעגן
מיט פרייד פון פלאַצנדיקן גלי.

לאַנג ווי פרעמדע קומען זיך צואווייען
מיטן שאַרפן דעמער-גלאַנץ,
קאָרנבלימלאך וועלן שעמעוודיק זיך פרייען
ביי דעם פרירנדיקן פליגל-טאַנץ.

שאָען ווי עס שוימט די כאַסינקע זיך שטיל,
שרעטעלאך צעקישעפן די נעצן,
זילבערדיק זינגט מאַנכעסווייז די גריל,
קאָרנבלימלאַך האַלט מען אין באַזעצן.

כאַסינקע אין כוישעך פון דער ערד
גאָלדיקט זיך אין ריינעם רויט,
כאַסינקע הילכט אָפּ אין שלייפן
מיטן טראָט פון טויט.

כוישעכן אין גרונטן ווי אין קישעף,
דורך קאָרנבלימלאך פרייען זיך אין שפּיל,

זײַן דער גאַנצער שרעטל־אישעוו
און שמייכלען אויף די רוכישע סירוואַנטן שטיל.

כאַלעמען אין ווייטע לעבעדיקע גלידער,
זיך אויפריכטן אין לעבעדיקן אַלטן גוף,
מיט רויטער זערע פון דעם טיפסטן נידער
רייסן זיך צום ווידעררוף.

צום טאָג. כאַלעם — הויכער לילאַ־זילבער —
פריש דער ווינט און בויגעדיק דער גינען
וועקן אויף צו ווערן מעכטיקער און מילדער,
ניט פאַרשטיין און אַלצדינג ניי געפינען.

קאָרנבלימלאך וואַשן זיך אין רעגן,
רעגנבויגנס גלעטן זיי די קני,
בלעזלאך טאַנצן זיי אַנטקעגן
מיט פרייד פון פלאַצנדיקן גלי.

געטלאַכע מאָנאָטאָניע

אָדלער געפאַנגען אין נעצן
פון מוזעס טויט אין צעבראָכענע ווערטער
רופן אומזיסט צו מענטשלאַכסטע געצן
און פאַרבן אַנזאָגן רויט.

איילנדיקע ריטער לעשן זיך ביי יעדן גרענעץ,
דער כאַלעל — זים פון שרעק און כאַלעם,
געצן ציען זיך אוים מיט אַ געגעץ
און קלייבן זיך פאָרן צום נאַכטיקן מאַלציים.

די פאַרבאָרגענע טיר איז נאָענט און אָפן,
די דורכגעשרייען — היסטעריש און ווייט,
צעפאַלענע שוועלן בליען און שלאָפן
ווי סאַמיקע פראָסטיקע בייט.

לעוואָנע צעשאָטן אין פאָרצעלייענע רינגען
גליטשט זיך דורך נאַכט-שניצעריי,
וואו זייט איר וואו, אַריבערשפאַנער
צו דער סודע פון סוויווע און צייט?

וועגן אונטער לאַסט און מיסט
פון צייטונגען, באַזאַרן און קאָנפערענצן,

סערפּן און קאָסעס מידע מיען זיך
אין שניט-נאַכט שוואַרץ און ווייסט.

טויטע אָדלער זעען
פּיצלאך פון געטער, גימאַטריעס און ליכט,
ווינט רייסט אַפיר
די פּאָר זיניקסטע שורעס
פון אונטער יעדנס באַרואיקט געזיכט.

טיראַן: ראַציאָנאַליסט

אָ גאָט, אָ פאַרשניטענע זיגער,
מיט אייגענע פלעקן די גאָב.
אויף ווינט־שרויפן — הייליקע קריגער,
אויף סנאָסטן — אַ ראָב אויף אַ ראָב.

פסוקים און שייטערס און בינעס
בייטן זיך, בייטן זיך אָפּ,
צעשטויבט מיט די היציקסטע שינעס,
צעשטויבט מיט דעם פראָסטיקסטן קאָפּ.

דוירעס געזיפטע — פאַרטיליקט,
אָ גאָט, ביסטו וועג, ביסטו וואָג?
אויף סצענעס פאַרשפּילן באַוויליקט
דעם היטער וואָס ענגט אויפן ראָג.

פון שטומע פאַרוואָרלאָזטע הריגעס
דערהויבט זיך אַ שטיינערנער קאָפּ,
ס'פאַרשווימען האוואַיעס און סיגעס
און בייטן זיך, בייטן זיך אָפּ.

דעם שטיינערנעם קאָפּ ניט דערוועקן,
אַ בלוטיקער יערמיעס געוויין,

וואָס זאָגט אינם הימל דער בעקן
איר ווייסלען, איר סטאַרטשענדע ציין.

אָ גאָט, אָ פאַרשניטענע זיגער,
וואָס וואַרט אַלץ יעדער קאָן,
אויף שיידוועג — אַשמוירקע לידער,
אויף פלויטן — א האָן אויף א האָן.

טיראַן: מיסטיקער

וואָס שלאָפסטו, מעקובל, פּריזמאַטיש
ביים געבורט פון פינקטלאַכן גראַן?
וואָס שאָטנסטו וואו נאָר אַ האַפן,
ווייט פון רעשימע פון צוואַן?

דיין סאָד — אָם נאָך אָם
רויכערט — ווי נאָר דורך גלעזערנע רערן;
ווי קאָן מען פאַרצייכנען דיין וואָג־מאָס
אַז מען שלאָפט נאַוועגאַד צווישן שטערן?

געהענים קוילעם! — וואו זאָלן מיר גיין
מיט מאָנונג, וויזיעם און מיטעם?
ענטפער, דו אייביק שווייגיק געוויין,
ווער איז מיט באַלדיקע שליטעם?

ביי אונדז דאָ אונטן — אַלץ נאָך טעאַטער,
מיט אַריסטאָטלען שמעלצן עמבלעמען;
און נאָך פוילע אייער און אויספייפן
גיסט אָן ראַכמאָנעס זיך בלוט.

גליאיקע לוכעם — צעפלאָסן אין קרייצן,
נאָכדעם אין גריכיש־טראַגישע מאַסקעס.

מיר — בויגשטראָמיק צעפּרוירן אין שפּיגלען,
קאַלט — אפילע פון לאָסקעס.

אָ מעקובל! — נים צו דערוועקן,
אָ דו ווייט-ספּעקטריש געזיכט.
אַט איז דער הייליקער שעם,
דורך כורבן און ציין-קריץ דאָס ליכט.

טיראַן: עסטעט

דיביינער — אָוונטיק מעש,
די שויביקייט אין גרינע הויכן — לויטער,
אויף הויכע הענגענדיקע ראמפּעס
וועז, אַ ווען זיך אויפהערן
צעעפּענען ווי בראָמען
און אויפשרייען
אין בליציקייט פון לאָמפּן.

ווײַרויך-לאָר — אַגאָניעס אין אַסטראַלע זינד,
אין ווײַרויך-שנייען וויפל מאָל טראַנספיגורירט,
דורך בלענדיקייט,
דורך מינאָרע אַקוואַרעלן
ביז אָפּנבאַרקייט פרירט אַפּירגעשליפענע געמעלן
פון זיך אַליין צעהאַנגענע אויף ווענט.

צו פרעמדע אָרגל-רער מיראַזשן!
די פליגל דעמוטיק, געפאַנגענער פעניקס.
דער אַש וואו איז? דער שלאָף? דער שלאָף?
צווישן אייגענע פאַראומגליקטע געוויקס.

אין ווייטן מאַניעט זים און שאַרף
די נאַקעטקייט פון שטראָמען און פיגורן,

עס זילבערט איבער זיי אַ ריפּנדיקע האַרף
אַ בלוטיק אייגענע, מיט אייגענע באַפּלעקטע שפּורן.

צעהאַנגענע אין ענגע ווענט,
די ביינער — אָוונטיק מעש,
די טויביקייט אין גרינע הויכן — לויטער.
פאַרוואָס איז שרעקיק שטיל ?
פאַרוואָס איז אַלץ אַנטשוויגן ?
ווען, אַ ווען וועט האַרץ געלייטערטע
צעשפּיגלען פאַר באַפרייטע פּיס
דעם וועג פון אויפגייענדע שטיגן.

אימפּראָוויזאַציע וועגן ראַיען

אָפּענע שלעסער פאַרטאַיען
בליצן פון נאַקעטן טאַט,
אין כּורווּעס וואַקסט אַ ראַיען
געוואַשן פון מעסערס אין שוואַט.

אין זאַגאַס ספּאַזמען נאָך צייכנס
פון רופן פאַרשלאָסן מיט שלעסער,
פאַרטאַיעטן ראַיען פאַרצייכן
די אייביק געפאַנגענער קעסער.

געטוויוולט אין דאָמים פון טויבן,
פאַנאַנדערגעקייפּלט מעכילעס,
די צאָל פון קאָרבאָנעס און רויבן
צעצייל ניט מיט אויסקויף פון טפילעס.

גלוטיקע גלעזערנע ראָרן
זינגען מיט ספּעקטרס אין שטאָט,
פון אָפענע שלעסער די כאָרן
שטומען ביים ראַיען פון טראָט.

געצוואונגענער טראָט — ווי ניט טרעטן,
מעג זיין עשאַפאָט,

פֿאַנאַנדערגעשעגקטע סעקרעטן
מאָנען אַלץ אויף ווי אין שפּאָט.

טכומען צעפּאַלן פֿון גרוילטאַט
קומען צום קעסער גאַנצער
מיט שליימעס פֿון אונטערן קאַט
צוריק צווישן בלאָטעס ווי פּאַנצער.

גרויזאַם געריסן צום פֿליגל
לעבן פֿאַרשלאָסן אויף שלעסער,
געווייסערס פֿון יעדן שפּיגל
טראָגן דאָס גאָב ווי אויף מעסער.

מענטשלאַכע קעפּ אָנשטאָט רודער —
קופּאָלן אין פֿייער זיך טויכן,
פֿון פֿלייצעס ברודער נאָך ברודער
פֿליט אָפּ דורך די פֿאַרביקע רויכן.

אין זאגאַס ספּאַזמען נאָך צייכנס
פֿון רופֿן פֿאַרשלאָסן אויף שלעסער
פּאַרטאַיעטן ראַיען פֿאַרצייכנט
דער אייביק געפֿאַנגענער קעסער.

שטורקאַץ

פאַרצווייפלטע ווערטער צום כאָלעם
פאַרביטן אויף פרייד דעם וואָרן
וואָס זינגט אין סייכל פון וויזיעס
צעעפנט פון מעטעאָרן.

דער גאַנג — צווישן פים אומגעריכטע
צום אייביקן אָנגריף אויף געטער —
מיסטעריע פון בייטן געזיכטער
ביים פאַלן פון מויער און רעטער.

דאָס שטרענגע טראַכטן צעעפנט
לעגענדעס און ראַנגל פון פלוכן
און פלוצים דאָס לעצטע טרעפן
טראָגט לעגענדאַרישע גרוכן.

ביים פאַלן פון רעטער און מויער
וויינען דורך שטערן האָזן,
דורכן שיין פון צעפאַלענע טויער
שפרינגען צו פלעבן מימאָזן.

אין געבורט ביי דעם דראַנג פון קלישייען
ניט פאַר זיי עשאַפאָטן געגרייט.

װער שטײט אױף די הענט בײ די קװאַלן ?
װאָס זינגט זיסער ראָזעװער דעק ?

דער גאַנג — שטורקאַץ צװישן נעכט
אַרום װעלכן ס'עמבריאָנען געטער,
מיט געװײן ענטפּערט קװאַל־דעק פֿאַר פרײד,
מיט עקסטאַז אָנגעלאָדענע רעטער.

רעשטלאַך פון לעצטן ריקער

נעוויאיש מיט בראַנדיקן קאָם —
צעפּאַלן דער זשעסט צווישן רעדער,
אָנמעכטיקע דוויקעס — דער ניגן פון מאָם
ביי קלעזמער פאַרזונקן אין בלוט און אין פעדער.

קאַלכיקע צורעס שפּינדלען
מיט געהענים־גרימאַסן אָן שרעק
מיט ווירבלענדע באַלקנס און שינדלען
אין העלדישע מאַיסעס אַוועק.

ביים גלוט פון פאַרפּייניקטע מענגעס
כמאַרען אויף פינצטערע הענט,
שאַנדקלעצער שפּרינגיקע שרענגעס
באַלייכטן דעם שוישפּיל אויף ווענט.

נעגלדיק שרעטלען פּאַוואַנען
פאָרויס מיט פאַרטיקן טראָט
אַלס פירער אויף שלאַכטיקע לאַנען
אין בראַנד פון צעפאַלענעם גאָט.

מיט לאַוויקע זשעסטן אין גסיסע
פאַרגאָסן מיט אורערשטן דראַנג

*

זוניק די נאַכט-שאָ פון מיסע
לעוואַניק די קוואורע פון שלאַנג.

פּאוואַנען — הערעלדן אַן אַנזאָג
אין סכאַר צווישן זיכערע קני
דערהאַרכן זיך פּלוצים אַלם שטאַרכן
אַנטרונען פון טליעשן גלי.

אָן פירער — מיט ביטערסטן ליד
דורך טליעם צעקלאַווישט די רעדער,
אָרגלענדע שקלאַפן דערוואַכן און ס'גליט
אַ זינונג דורך בלוט און דורך פעדער.

בליטן פון זשעסטן אָן גסיסע
זינגען מיט אורערשטן דראַנג
זוניק אין סודע פון מיסע
זיניק אין רעמעז פון זאַנג.

פיעראָם לעוואַיע צווישן פעלקער

גערשליפן פון פליסיקע צאָלן
גליט
פון
ערד.
אין שווערמונג פון שטיינדלאך און שאָלן
און
וואָרצלישע
בערד.

די דיסקן — דעם שיינם איבערברעכן
דאָס
ערינערונג —
שטייגן,
זיך האָרכן אַליין אין געשפּרעכן
פון וואַסער
ביינער
און צווייגן.

ביי ציטרינענע שטערן פאַרגייען
לירישע
מאַסקעס
סימפּאָזן,

לעוואַניקע פינגער פאַרנייען
לעצטע
צעפעדימטע
שטראָזן.

דער צוג מיט שפּרוכן פאַרצויגן
ברענט
בורשטיניק
ריין.
פלוצים מיט קראַנקע אויגן
בלייבט
דער געקרייציקטער
שטיין.

וויאָלעטענע כוואַליעס צעטראָגן
פאַרכאַלעשטע
פּריסטער
אוועק.
עס וויגט זיך אַרום זיי דער וואָגן
איבער
דעם דאַרניקן
וועג.

געהויבענע הענטשקעס באַדויערן
אָ, פּיעראָ.

וויסטו עפּשער
וואָס ?
מען איילט זיך פון אָפענע טויערן
ווען
דער בליאיקער
שאָס ?

ביי וואָרצלען געביטן פון שטיינדלאַך
באַרייכערט
דעם זאַפט
מיט צאָלן,
צו וואָס קומען אַלע רעשימעס,
איר נאַקעטע
שטערניקע
צוואָלן ?

ווי דיסקן — דעם שיינס איבערברעכן
דאָס
ערינערונג —
וואַנען,
זיך זען אין די לעצטע געשפּרעכן
און
דעם זין
ניט אַנען.

אַפּאָלאָגיע פון לעצטן שאָטן

אײלן זיך
א שלײיענער —
מיט
פינע,

פון אונטער־רינשטאָקן
אין זעניט
פון
נאַכט.

אַ, לאָזט
מעכילע בעטן —
פאַר
דער סינע

בײ די כאָלעשע,
בײ די —
װאַרהאַפּטיקע
פּים.

פריקרע זים
דאָס שעלטן

אַון דאָס —
שטומען,

קראַנק ס׳געביין
פון יעדן —
אומפאַרמיידלאַכן
גענוס,

צאַרטקייט
פון מילך־וועג —
אויפן
גומען,

עק זיך,
אָ, —
גרויזאַמדיקע
שיפלעס.

כאַלוימעס
ניט
באַזיניקטע —
טיפלעס,

דושנע הייליקייט
צעשטער —
בלויז
זיך אליין.

אָ, דושנער
גוף, —
אין טכיילעסנע
גירלאַנדן

פון מיטאָם־
בראַנדן
פאַרגליווערט —
צווישן ציין.

דער לאָרבער־קראַנץ
גלאַנצט —
ניכנעדיק אין
בלאָטע.

זאָל זיין
אַ קרוין אזא —
פון שפּאָט
אויפן געזיכט.

אָן וואָרצלען
— איילן
צו כימערע
זאָטן,

און אַלץ
— ניט וועלן וואַנען
ביי די גרענעצן
פון ליכט.

רייניקן
— דעם סאַם
פון אונדז אַליין
באַשפּיגן

— און
פּרעגן,
— ,פּרעגן
פּרעגן אָן אַ סאָף;

פאַרן שרעק
— פון
אונטערגאַנג
פאַריאָגן

יעדן —
זאַטן באָדן,
יעדן —
שלאָף.

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
Montreal - אידישע פאלקס ביבליאטעק
GOLDEN AGE ASSOCIATION
5700 WESTBURY AVE.
MONTREAL, P.Q. H3W 3E8

אָריאָם פרעס
54 קאַנאַל סטריט
ניו יאָרק.
234